NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13469

GEKLIBENE MESHOLIM

Ivan Andreevich Krylov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אי. א. קרילאָוו

געקליבענע מעשאָלים

ייִדיש—ב. גוטיאנסקי

7/51054

(1)

LMON MARMOR
NEW YORK

[illegible]

[illegible]

ב. גוטיאַנסקי

14/V-36, קיִעוו

אי. א. קרילאָוו

געקליבענע מעשאָלים

יִדיש — ב. גוטיאַנסקי.

מעלוכע-פֿאַרלאַג פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין אוסר"ר

קיִעוו 1936 כאַרקאָוו

פאראנטװארטל. רעדאקטער—ל. מיש־
קאווסקי. טעכ. רעדאקטער—אי. בור־
גאנסקי. קארעקטער—מ. דובינסקי.
פאפיר 110 X 72—1/32—אינ פאפיר־בויגנ.
96 כ. צייכנס. אפגעגעבנ אינ זאצ 10 נאיא־
בער אונטערגעשריבנ צום דרוק 20 דע־
קאבער, 1935 י. 3½ דרוק־בויגנ. טיראזש
1000. באפולמ. פונ הויפטליט 4187. פארלאג
E־16 №. 11־טע דרוקעריי אופ״ט. בער־
דיטשעוו. באשט. נומ. 1993



אַ. א. קרילאָוו.

די קראָ און דער פוקס

שוין טויזנט מאָל האָט מען געגעבן צו פארשטיין,
אז כניפע איז אי שעדלעך, אי געמיין.
וואָס קומט ארויס? בא יעדן איז פאר זיסע רייד
אין הארצן פאַרט א ווינקעלע קעסיידער גרייט.

דער קראָ האָט גאָט א שטיקל קעז באשערט.
זי האָט זיך איינגעמאָסטעט אף א טענע
און וויל זיך שוין צום גוטן פרישטיק נעמען.
זי האלט דעם קעז אין מויל, א ווײַלע זיך פארקלערט.
אוואדע דארף דער פוקס דעם קעז דערשמעקן;
ער רוקט זיך אונטער שטיל און הייבט זיך אָן באלעקן.
דער שווינדלער פאָכעט מיטן עק, פארווײַסט דעם קאָפּ,
פון אונדזער קראָ ער לאָזט קיין אויג שוין ניט אראָפּ
און זאָגט מיט א פארכאפּטן אָטעם, צוקער־זיס:
„מײַן טײַבעלע, ווי שיין דו ביסט!
אמינע אייגעלעך, א נעזעלע — כידושים!
אמינע פעדערלעך — כאָטש אויסצוקושן!
און הײַנט א פּיסקעלע — א שטיק בריליאנט!
איך מיין, אז אויך צום זינגען האָסטו גרויס טאלאנט.
נו, זינג־זשע, הארצ־פרײַנט, שעם זיך ניט! איך דארף דיר זאָגן,

וועג צו דײַנע שיינקײַט װאָלסטו נאָך פֿאַרמאָגן,
א שטימעלע א פֿײַנס, איז װערסטו באַלד
די פֿייגל־קייסערינ׳ע אינעם װאַלד!"
פֿון אַט אַזױנע גוטע רייד
האָט אונדזער קראָ דער קאָפּ זיך אױש פֿאַרדרייט,
און אין דער װאָליע האָט דעם אָטעם איר פֿאַרשפּאַרט
פֿון גרױסער פֿרייד. די קראָ איז גאָר ניט פֿויל,
זי טוט א קראַקע, פֿאַלט דער קעז אַרױס פֿון מויל.
דערױף האָט אונדזער שווינדלער דאָך געװאַרט:
ער טוט געשווינד א יאָג,
א כאַפּ דעם זאַטן ביסן און — א גוטן טאָג.

די גענדז

א פויער האָט מיט א פאשינע מיט א לאנגער
געטריבן גענדז פארקויפן אין א שטאָט
און איז מיט זיי, דעם ריינעם עמעס־זאָגן, גראָד
ניט איידל טאקע זיך באגאנגען.
ער האָט געאײַלט וואָס גיכער דאָס פארדינסטל פאקן.
און דאָרט, ווו ס׳האלט בא רעווער און געשעפט,
איז ניט נאָר גענדז, נאָר אָפטמאָל טרעפט,
אז מענטשן כאפן אויך אין האלדז־און־נאקן.
אָבער די גענדז — זיי האָבן ניט אזוי געהאלטן.
דערזען אין וועג א דורכגייער אן אלטן,
זיי נעמען שיפן אפן פויער פעך און שוועבל:
„מיר האָבן שוין דאָס גוטע לעבן!
ער טרײַבט אונדז גאָר, ווי פראָסטע גענדז — א בור אזא מין.
א גראָבער יונג — ווי קומט ער גאָר פארשטיין,
אז ער וואָלט פרײַנער זיך מיט אונדז געמעגט באגיין,
און אז פון יענע גענדז געהויבענע מיר שטאמען,
וואָס האָבן רוים געראטעוועט, און מענטשן פלעגן
יאָנטויווים פראוועז דאָרט פון זייער קאָוועד וועגן״.

„און איר? מיט וואָס האָט איר באַגליקט די וועלט?״
האָט דער פאַרבײַגייער א פראגע זיי געשטעלט.
„וואָס הייסט! די עלטערזיידעס אונדזערע...״ „נו, קלאָר —
א מײַסע שוין פון ווייס איך וויפל יאָר.
איר זאָגט מיר בעסער גלײַך:
אוואָסער נוץ האָט מען געהאט פון אײַך?״
„ס'איז קארג?״ צעשרײַען זיך די גענדז מיט שוים:
„די זיידעס האָבן אָפּגעראטעוועט דאָך רוים!״
„געהערט.
נאָר וואָס האָט איר אַליינס געטאָן?״
„מיר? גאָרנישט ניט!״ „טאָ וואָס־זשע איז מיט אײַך דער מער?
די זיידעס לאָזט צורו, מיט וואָס מע קאָן,
האָט מען זיי לאנג שוין אָפּגעדינט פאר אלץ.
און איר — איר טויגט דאָך בלויז אף גריוון און אף שמאלץ!״

מע וואָלט געקענט די זאך א ביסל מיין דערקלערן,
נאָר ס'פּאסט ניט פאר די גענדז — זיי קענען נאָך דערהערן.

1. א פּאשינע — א רוט.

2. האָבן געראטעוועט רוים — לויט דער אלט רוימישער לעגענדע, האָבן גענדז מיט זייער געשריי אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע וועכטער און גע־וועקט זייער אויפמערקזאמקייט אף די פײַנט, וואָס האָבן זיך באנאכט אונ־טערגעגאנגעט צו רוים. אראנק די גענדז האָבן די סאָנים ניט געקאָנט פארכאפּן די שטאָט.

דער שפּיגל אונ די מאלפּע

די מאלפּע האָט דערזענ איר שטאלט אינ שפּיגל
אונ האָט דעם בער געטאָנ א טאָרקע שטילערהייט:
„דו זעסט א פּארצעפּ דאָרטנ? טפו!״ ס׳זי אויסגעשפּיגנ:
„איכ וואָלט זיכ לעבעדיקערהייט
באגראָבנ,
ווענ איכ זאָל אָט אזא מינ צורע האָבנ.
וואָס זאָגסטו נאָר צו די האווײַעס, תאָס זי מאכט!
דו ביסט א מייִונ אפ דעם שפּרינגענ?
נאָר ווערליק כ׳האָב געזענ״, האָט זי זיכ שטיל צעלאכט:
„איז צווישנ מײַנע באווערטעס פאראנ, מיר דאכט,
אזוינע צורעס זויערע — א זיבנ־אכט.
איכ וואָלט געקאָנט זיי איבערציילנ אפ די פינגער״.
„וואָס דארפסטו זיכ מאטריעכ זײַנ צו ציילנ יענע?״
האָט אָפּגעענטפערט איר דער בער:
„אמער
וואָלסטו געהאט אינזינענ זיכ — ביסט אויכ ניט שענער״.

דער וואָלף און דער בושל

א וואָלף ז'א גרויסער פרעסער — ס'ווייסט עס יעדער איינער —
ער עסט און קוקט ניט, ווו איז פלייש און ווו איז ביינער.
דעריבער האָט פאסירט אמאָל
א גרויסער אומגליק מיט א וואָלף:
ער האָט זיך שיר דערוואָרגן מיט א ביין.
ער קאָן נישט טאָן קיין קרעכצ, קיין זיפצ — אנ עק!
כאָטש צי זיך אויס און שטארב אוועק.
צום גליק, האָט ער דערזען א בושל שטיין.
ער בעט דעם בושל, ווינקט און קריכט אזש פון דער הויט,
אז יענער זאָל אים בײַשטיין אין דער נויט.
דער בושל האָט געטאָן א שטעק אריַין זײַן שנאָבל
און לאנג זיך דאָרט אין פיסק באַם וואָלף געבאָרבלט —
ער ציט דעם ביין און שלעפט, און דרייט, און — שוין!
ארויסגעשלעפט און בעט פאר שווערער מי א לוין.
„דו לאכסט!" שרײַט אויס דער וואָלף: „א לוין, פארוואָס?
דאָס דאנקסטו מיר אזוי דערפאר,
וואָס דו האָסט ערשט דײַן לאנגע נאָז
און מיט דײַן וויסטן קאָפּ, דעם נאר,
פון האלדז פון מײַנעם גאנצ ארויסגעצויגן?
אוועק, איך זאָל דיך מער ניט זען פאר מײַנע אויגן!"

דער פויער און די שאָף

א פויער ז'איז געריכט געקומען מיט פּאַפּירן
און צוגעשטעלט א בענקעלע דער שאָף.
געבעטן האָט ער באַם געריכט א הארבע שטראָף.
מע האָט די אָנגעקלאָגטע באַלד געבראַכט צו פירן.
דער ריכטער איז דער פוקס געווען.
ער האָט גענומען טייקעף טינט און פען
און אָנגעהויבן טאַקע גלייַך די זיצונג.
„דערציילט", רופט אויס דער ריכטער: „וואָס און ווער און ווען,
נאָר אָן געשריי, דעם עמעס און בעקיצער".
דער פויער זאָגט:
„געווען איז דאָס אַזאַ מין און אַזאַ מין טאָג,
איך בין ארויסגעגאַנגען אין שטאַל באַגינען,
איך טו א צייל: עס גייען אָפּ צוויי הינער.
און יענע נאַכט, ווען ס'האָט פּאַסירט,
איז קיינער ניט געווען אין הויף, כוץ איר".
דערבייַ האָט ער געוויזן אָף דער שאָף אָף זייַנער.
דערנאָך הייבט אָן די שאָף צו טייַנען:
זי איז געשלאָפן גאָר די גאַנצע נאַכט אין שטאַל,
און זאָלן, אדעראַבע, זאָגן אַלע שכנים,
צי איז געווען אַמאָל דער פאַל,

מע זאָל אפּ איר אזוינס אפילע מיינען;
און כוץ דעם, עסט זי דאָך קיין פלײשיקס ניט ביכלאל.
דער פוקס האָט ביידנס טײַנעס אויסגעהערט געדולדיק,
איז אופּגעשטאנען פון זײַן אָרט,
און אָט איז אײַך דער אורטייל וואָרט אין וואָרט:
„די שאָף איז שולדיק.
פון די פּאפּירן זעט מען, אז זי האָט פארבראכט
מיט הינער אין א הויף א גאנצע נאכט.
איז מאָל איך מיר ניט אויס, זי זאָל ניט נאשן.
איך פיל דאָס גוט נאָך זיך אליין.
אומזיסט האָט זי פּרובירט אזוי געמיין
זיך ריין צו וואשן.
דעריבער הערט אויס מײַן באפעל:
זי טײַטן פּטור אָט דער געשיכטע —
דעם פויער אָפּגעבן די פעל,
דאָס פלייש אריינטראָגן דעם ריכטער".

דער קוואַרטעט

דער מאַלפּע אונ דעם צאַפּ, דעם אייזל אונ דעם בער
פאַרגלוסט זיכ איינמאָל פּראָוועג א קאָנצערט.
דערטאַפּט א באַס, אַנ אַלט אונ פידלעג צוויי מיט נאָטנ,
אונ אַפּ א לאָנקעלע, אינ שאָטנ,
זיכ אײַנגעמאָסטעט אינדערקיל —
די וועלט מעכײַע זײַנ מיט זייער שפּיל.
א רײַב מיט אַלע סמיטשיקעס, ווי ווײַט מע קענ —
סע זאָל שוינ אַזאַ צאָרנ ניט געשענ!
„שטיי, כעוורע, וואַרט!“ שרײַט אויס די מאַלפּע שטאַרק אינ קאַס:
„מע קאָנ אַזוי דעג שפּילנ? וואָס איז דאָ דער וווּנדער?
מיר זיצנ דאָכ ניט ריכטיק! בערל מיטנ באַס,
דו דאַרפסט זיכ זעצנ דאָרטנ, קעגנ דער סעקונדע,
אונ איכ, די פּרימע, זעצ זיכ מיר באַזונדער,
אונ זאָל דער אַלט זיכ אָפּרוקנ צוריק,
וועט דעמאָלט זײַנ א שפּיל — שוינ איינמאָל אַנ אַנטיק“.
זיכ אויסגעזעצט, מע הייבט אָנ דעם קוואַרטעט.
אונ ווידער זיצט מענ נישט קיינ טאָלק.
„געפּאַקט! איכ ווייס שוינ דעם סעקרעט“.
אַרויס דער אייזל איז מיט א געשריי:
„מע דאַרפ זיכ זעצנ אַלע אינ א ריי“.

דעם אייזל האָט מען אויך געפּאָלגט.
מע זעצט זיך איבער אין א שורע אקוראט,
און דער קווארטעט גייט פאָרט ניט גלאט.
נאָך שטארקער הייבט מען אָן זיך קריגן און זיך היצן —
מע ווייסט ניט, ווער און ווו זאָל זיצן.
געקומען איז א סאָלאָוויי אפ דעם גערודער.
עס האָבן אלע שטארק דערפרייט זיך,
מע בעט באַם סאָלאָוויי אן אייצע:
„פארהאלט זיך נאָר א ווײַלע, ברודער,
דו מוזט אונדז אין קווארטעט אן אָרדענונג דאָ מאכן.
מיר האָבן נאָטן, אינסטרומענטן — אלע זאכן;
עס פעלט א קלייניקײַט אונדז בלויז —
דו נעם און זעץ אונדז אויס".

„צום אלעם ערשטנ", ענטפערט אָפּ זיי יענער:
„קעדיי צו זײַן א שפּילער, דארף מען קענען;
מע מוז אויך איידלע אויערן א פּאָר פארמאָגן.
און אײַך, געשעצטע הערן, קען איך זאָגן:
איר מעגט זיך זעצן, ווי איר ווילט — אומזיסטע מי,
צום שפּילן טויגט איר ניט סײַווי.

א באס (אין אן אָרקעסטער) אָדער א קאָנטראבאס — א גרויסער מוזיקא-לער אינסטרומענט, וואָס איז לויטן געבוי און לויט דער פאָרם ענלעך אפ א פידל.
אַלט — ענלעך אפ א פידל, נאָר עטוואָס גרעסער.
די סעקונדע — דער צווייטער פידל אין אן אָרקעסטער.
די פּרימע — דער ערשטער פידל אין אן אָרקעסטער.

דער וואָלף און דאָס שעפּעלע

דער שטאַרקער מאַכט קעסיידער שולדיק נאָר דעם שוואַכן—
אין דער געשיכטע איז עס גוט באַוווּסט.
מיר האָבן אָבער צו געשיכטע ניט קיין גוסט,
דעריבער וועלן מיר דערפֿון אַ מאָשל מאַכן.

דאָס שעפּעלע איז אין אַ טאָג אַ זומערדיקן
געגאַנגען צום טײַך זיך מיט אַ פֿרישן טרונק דערקוויקן
און האָט זיך נישט געריכט גאָר אַף אַזאַ מין צאָרע:
אַ הונגעריקער וואָלף האָט דאָרטן פּונקט געשנאָרעט.
דער וואָלף האָט זײַער כּיישעק
זיך מיטן שעפּעלע צו מאַכן פֿליישיק,
ביפֿראַט דאָס שעפּעלע ז'געווען אַ פֿעטס.
איז ווײַל ער דאָך, די זאַך זאָל אויסזען לײַטיש, פֿרום,
און אויסקומען זאָל אַלץ לויטן געזעץ —
איז ער אַרויס מיט אַ געשריי און טוט אַ ברום:
„אַ כוצפּע פֿון אַ שאָף! ס'איז נישט געהערט!
וואָס הייסט, דו נעפּסט און באַשמוצסט מיר דעם טײַך!
דו ביסט דאָך ווערט,
אַז שטיקער זאָל מען דיך צערײַסן גלײַך!"

„מײַן גרױסער האר! װער בין איך, איך זאָל זיך דערװעגן
צו רײדן אײַער ליכטיקײַט אקעגן?
נאָר ס'װאסער לױפט דאָך גאָר פון אײַך צו מיר, אראָפּ,
הײַנט װי קאָן זײַן, איך זאָל צעבױטען אײַך דאָס װאסער?
עס טוט מײַן האר אומזיסט זיך צערענען און קאסן".
„איז בין איך, הײסט עס, שױן א ליגנער גאָר געװאָרן!
א גראָבקײַט פון א שאָף! דו נישט! נאָך פאראיאָרן,
געדענק איך, האָסטו אף דעם זעלבן אָרט
געזאָגט מיר עפּעס גאָר א פּריקרע װאָרט!
איך האָב דאָס, ברודער־לעבן, ניט פארגעסן".
„אױ, גײט שױן גײט, איך בין דאָך גאָר
אינגאנצן נאָך ניט אלט קײן יאָר!"
„איז דאָס געװעזן
מיסטאמע עמעצער פון דײַנע ברידער!"
„איר האָט א טאָעס, האר, איך בין א באסיעכידע".
„א כילעק, נו, א פעטער, א געשװעסטערקינד!
מיט אײנעם װאָרט — פון דײַן מישפּאָכע.
איר אלע — מיט די פאסטעכער און מיט די הינט,
איר האָט געטאָן מיר שטענדיק אפצולאָכעס
און ליגט מיר אין די בײנער אױך אצינד.
צעצאָלן װעל איך זיך מיט דיר פאר אלע זינד!"
„אך, אָבער איך! פון שולד בין איך דאָך רײן!"
„א סאָפ! כ'האָב פײַנט צו טײַנען לאנג, דו װײסט דאָך װױל.
ביסט שולדיק שױן דערמיט אלײן,
װאָס איך האָב הײַנט נאָך נישט געהאט אין מױל!"
געזאָגט, און טאקע באלד
דאָס שעפעלע אװעקגעשלעפּט אין טיפן װאלד.

די קוקאווקע אונ דער האָנ

„אוי, האָנעכל, מײַנ גאָלד, ווי הויכ דו זינגסט, גרויסארטיק!"
„אונ דו, קוקאווקעלע, כ'מעג האָבנ אזא יאָר!
דו ציסט עס אויס אזוי אנטיטשנע, גלאטיק,
אינ וואלד איז דאָכ נישטאָ צו דיר די צווייטע פּאָר!"
„כ'וואָלט דײַנע לידער, הארצ מײַנס, אײַביק וועלנ הערנ!"
„אונ דו, מײַנ ליכטיק פּאָנעם, כ'קאָנ דיר שווערנ,
אז ווי דו ווערסט אנשוויגנ, ווארט איכ שאָענלאנג,
זאָלסט ווידער אָנהײבנ דאָס פּרעכטיקע געזאנג.
אונ ווו דערנעמט זיכ אזא שטימ א שײנע?
אי־הילכיק, אי דערצו אנ אײדעלע, א רײנע!
א קוק צו טאָג אפּ אײַכ — אזוינע קלײנע,
אונ לידער — ווי באם סאָלאָוויי!"
„א דאנק, מײַנ פרײַנט! דערפאר איז, וועדליק איכ פארשטײ —
איכ טרײַבּ ניט איבּער דאָ א האָר ניט —
וואָס איז אנקעגנ דיר דער סאָלאָוויי? א גאָרניט!"
געשטאנענ איז דער שפּערלינג באדערבײַ.
„כאָטש לויבנ לויבט איר אײנס דאָס צווייטע גאנצ בעטרײַ,
נאָר אײַער זינגענ טויג ניט סײַוויסײַ,
אונ גוטע קאליקעס זײַנט איר שוינ בײדע ראסקע",
רופט ער צו זיי זיכ אָנ.

פארוואָס־זשע לויבט דער האָנ אזויפיל די קוקאווקע?
ווײַל די קוקאווקע לויבט דעם האָנ.

די מאלפּע און די ברילן

די מאלפּע ט'אפּ דער עלטער אָנגעהויבן פילן,
אז עפּעס ווערן איר די אויגן שוואך,
און צווישן לײַט האָט זי זיך אָנגעהערט אַ סאך,
אז צו דער צו איז דאָ אַן אייצע — ברילן.
געקריגן האָט זי ברילן זיך אַ פינעף פּאָר,
זי דרייט זיי הין און הער, זי פּרוווט אַ שמעק טאָן,
זיי אָנגעסילעט אפן עק, געפּרוווט אַ לעק טאָן,
עס ווערט נים גרינגער אף קיין האָר.
„צו אלדע רוכעס!" טוט די מאלפּע אַ געשריי:
„וואָס מענטשן קאָנען בעבען — נים געשטויגן!
גאָר ברילן! כ'זע ניט קיין שום נוץ אין זיי.
וואָס קערן אָן זיך ברילן גאָר מים אויגן?!"
דערבײַ האָט זי פון הייטעק און פארדראָס
געטאָן זיי אין אַ שטיין אזא מין שאָס,
אז, ווי די פונקען, זײַנען זיי זיך גלײַך צעפלויגן.

צוויי הינט

באַרבאָס,
א הויפ־הונט, וואָס דעם באַלעבאָס
האָט ער געדינט מיט לײַב אונ לעבנ אונ געטרײַ,
איז איינמאָל לעבנ פענצטער זיכ געגאנ פארבײַ
אונ האָט דערזענ אנ אלטנ גוטנ כאווער —
א ווײַס באַלאָנקעלע א קוטשעראווע.
עס זיצט זיכ אפ א קישעלע פונ סאמעט
אונ וואַרעמט זיכ די ביינער אפ דער זונ,
אונ האָט, אפּאָנעם, גרויס האנאָע פונדערפונ.
באַרבאָס נעמט לאשטשענ זיכ צו דעם, ווי צו א מאמענ;
עס האָבנ זיכ אויש טרערנ אימ געשטעלט;
ער הערט ניט אופ צו שפּרינגענ, מיטנ עק צו דרייענ,
ער קוקט אונ קוועלט,
אונ ווייסט גאָר ניט, וויאזוי זיכ דאָ צו פרייענ.
„דערצייל מיר, זשוזשעלע, ווי גייט עס דיר, פונ זינט
מע האָט ארײַנגענומענ דיכ אינ די פּאלייענ?
ווי לעבט זיכ דיר אצינד?
געדענקסט, מיסטאמע, דו, קורנאָסע נעזל,
ווענ דו ביסט נאָכ מיט מיר אינ הויפ געוועזנ,
ווי אָפט עס פלעג אונדז כאלעשנ דאָס הארצ —
א סעכערל כאָטש א פארדארטס".
מאכט זשוזשע: „האלעמײַ זאָל איכ דיר זאָגנ,
איכ טאָר זיכ נישט באקלאָגנ —
מײַנ האר איז אופגעלייגט צו מיר,
אז ס'האָט גאָר ניט קיינ גרענעצ אונ קיינ שיר;

איך באָד זיך דאָ אינ פוטער און אינ מילך;
איך שפיל זיך מיטנ באַלעבאָס; און טאָמער וויל איך —
עס ווערט דאָס שפּילנ זיך מיר נימעס —
צעלייג איך זיך מיר אפ דער סאָפקע מיט שפּרינגדזינגעס.
און דו וואָס מאַכסט?״ „איך״, רופט זיך אָנ באַרבאָס
מיט אנ אַראָפּגעלאָזטער נאָז:
„איך לייַד געגוג אי דאָרשט, אי הונגער
און האָב שוינ באַלד זיך אויסגעהאוקעט מייַנע לונגענ;
דערצו דער רעגנ און די שנייענ מיט די פרעסט.
איך היט דעם הויף דאָ אָרנטלעך און פלייַסיק דאַפקע,
נאָר לאָמיך ניט אַזוי דאָרט טאָנ א האַוקע,
איז כאַפּ איך קלעפּ. א ביטער לעבנ, ווי דו זעסט.
איך בעט דיך, זשוזשע־דושע, גיב מיר צו פאַרשטיינ:
דו ביסט געווענ דאָך אַזוי דאַר און קוואַר, און קליינ —
איז דו לעבסט זיך אינ ווילטאָג, רייַך און שיינ,
און איך ווער אויסגעריסנ —
אַוואָסער שטעלע האָסטו, וואָלט איך וועלנ וויסנ?״
„א שטעלע גאָר!״ האָט אָפּגעענטפערט זשוזשע
און זיך מיט כוויזעק שנעל
אפ ביידע פיס די הינטערשטע געטאָנ א שטעל:
„אָט דאָס־אָ טו איך, זעסט? איך סלוזשע!״

איך האָב באַגעגנט אָנ א שיר
אַזוינע מענטשעלעך — אַנטיקלעך,
וואָס לעבנ רייַך און גליקלעך
דערפאַר נאָר, וואָס זיי קענענ שטיינ אפ אַלע פיר.

ג אָ ל אָ נ ק ע ל ע — א קליינס סטוב־הינטעלע.
פ א ל י ע נ — רייַך מעבלירטע ציטערנ.

דער שוואנ, דער העכט אונ דער קרעפס

ווענ בא כאווײרים אײניקײַט פעלט אויסעט,
וועט שוינ די ארבעט זיכ בא זײ ניט קלעפנ,
אונ ניט קײנ ארבעט וועט עס זײַנ, נאָר צאָרעס גרויסע —
מיר האָבנ עס גענוג געזענ אינ לעבנ.

———

דער העכט, דער קרעפס, דער שוואנ
האָבנ זיכ אינ א וואָגנ מאסע אײַנגעשפאנט
אונ אלע דרײַ גענומענ שלעפנ.
זײ קריכנ פונ דער הויט — דער וואָגנ וויל ניט פאָלגנ!
די מאסע איז פאר זײ, מיר דאכט, ניט אזוי שווער,
ניט מער:
דער שוואנ וויל שלעפנ צו די וואָלקנס,
דער קרעפס קריכט אפצוריק, דער העכט ציט גאָר אינ טײַכ.
אונ ווער איז שולדיק דאָ, אונ ווער איז דאָ גערעכט —
דער שוואנ, דער קרעפס צי עפעס גאָר דער העכט?
איכ ווײס באגלײַכ מיט אײַכ.
נאָר אײנ זאכ מוז מענ זאָגנ פאָרט:
דער וואָגנ שטײט ביז הײַנט נאָכ דאָרט.

דער פוקס

דער פוקס האָט נאָענט פונ א דאָרפ געטראָנקענ
קאַיאָר באַ א פּאָלאָנקע אינ א גרויסנ פראָסט;
דערבײַ (פונ אײַלעניש, צעטראָגנקייט, צי וואָס)
האָט ער דעם שפּיצ פונ עק אינ וואסער אײַנגעטונקענ,
און צו דעם איז דער עק איז צוגעפרוירנ באלד.
עס וואָלט געווענ גאָר א קלײנער גוואלד:
באַדארפט זיכ טאָנ א ריס און הערעלעכ א צענדליק
זיכ לאָזנ קאָסטנ — און דער אומגליק איז געענדיקט.
דער פוקס האָט אָבער זיכ געטאָנ א טראכט:
א שאָד אזא מינ טשאקנדיקער עק, א פראכט!
נײַנ, בעסער צוווארטנ, עס איז דערווײַל נאָכ נאכט,
סע שלאָפנ נאָכ איצ האָפ די מענטשנ אלע;
ביז טאָג קענ אַנ אָדליהע אונטערפאלנ,
און פונעם אײַז זיכ אָפרײַסנ וועט זײַנ ניט שווער.
דער עק ווערט אָבער צוגעפרוירנ מער און מער.
ער טוט א קוק — סע טאָגט, עס רירט זיכ שוינ דער אוילעם,
עס לאָזט זיכ פונווײַטנ הערנ קיילעס.
דער פוקס הייבט אָנ זיכ ווארפנ הינ און הער—
ס'איז שלעכט! ניט אָפּצורײַסנ זיכ פונ דער פּאָלאָנקע.
צום גליק, האָט גראָד א וואָלף ניט ווײַט געבלאָנקעט.

„אוי, פּאָטער הארציקער!״ האָט זיך דער פוקס צוליארעמט:
„אוי, ראַטעוועט, איך שטארב!״ דער וואָלף האָט זיך דערבארעמט,
איז צו צום ברעג
און אָפּגעריזעט ביז א שפּענטע אים דעם עק.
און ס׳האָט מײַן וויסטער נאר זיך אָפּגעטראָגן שנעל,
צופרידן, וואָס ער האָט אָפּ זיך א גאנצע פעל.

איך גלייב, עס איז דער מיין פון דעם־אָ מאָשל קלאָר:
בעזשאלעוועס האָט אונדזער פוקס א צענדליק האָר,
איז ער געבליבן אָן א ווײדל גאָר.

דער אײזל און דער סאָלאָוויי

דער אײזל האָט געזאָגט צום סאָלאָווײ: „מײַן פֿרײַנט,
איך האָב געהערט, מע רעדט שוין זייער לאנג,
אז דו ביסט גאָר א גרויסער בעריע אין געזאנג.
דעריבער וואָלט איך וועלן הײַנט
מיט מײַנע אויערן דיך הערן זינגען;
און לאָמיך טאקע זען,
פֿארוואָס עס הערט ניט אוף די וועלט מיט דיר צו קלינגען״.
דער סאָלאָווײ נעמט ווײַזן, וואָס ער קען:
געטאָן א קנאק, א פֿײַפֿ, א קאטשע זיך אפֿריער,
דערנאָך א קאפּעלע געצומען ציִען,
צעטיאָכקעט זיך אף הונדערטער מאנירן.
דערנאָכדעם פֿליצים האקט ער אָפּ
און טוט זיך מיטאמאָל א לאָז אראָפּ,
און, ווי א דודעלע, ער נעמט עס ווײַטער פֿירן.
ער ציט עס אויסעט איידל און געראָטן,
און ווידער זיך, ווי שרויט, אין וועלדעלע צעשאָטן.
עס הערט דער וואלד דער גאָרער
דעם שענסטן, ליבסטן זינגער פֿון אווראָרען.

עס שאָקלט ניט קיין ווינטעלע די צווײַגן,
די פֿייגל־כאָרן זיצן שטיל און שווײַגן,
און אויך די סטאַדעס שאָף
געבליבן ליגן זײַנען, ווי צום שלאָף.
דער פּאַסטעכל הערט זיך צו אײַן טאָל;
ער האַלט דעם אָטעם אײַן, און מיט אַ ליבן שמייכל
ער כוט אַ וואָרף אַ גוטן בליק, אַ חייכל
דער פּאַסטעשקע פֿון מאָל צו מאָל.
די ליד ז׳געענדיקט. און דער אייזל שטייט און קלערט,
דעם שטערן אָנגעצילעוועט צו דר׳ערד.
דערנאָכדעם עפֿנט ער דאָס מויל:
„אַנטיק! דו זינגסט בעפּיירעש ווויל;
ס׳איז נאָר אַ שאָד״, רופֿט ער זיך אָן:
„וואָס דו ביסט נישט באַקענט מיט אונדזער האָן.
דו זאָלסט זיך צולערנען אַ קאַפּעלע בײַ אים,
וואָלסטו נאָך בעסער אויסגעאַרבעט זיך די שטים״.
פֿון אָט אַזוינע רייד איז באַלד דעם סאָלאָווײ
געוואָרן אַפּן האַרצן, נעבעך, ווינד און ווײ.
ער איז אַוועק, זײַן פֿוס זאָל דאָ זיך ניט געפֿינען.

באַהיט אונדז גאָט פֿון אָט אַזוינע־אָ מעווינים!

1. אַ דודעלע — אַ פּאַסטעכ־פֿײַפֿעלע.
2. אַוראָרע — די געטין פֿון מאָרגנשטערן בײַ די אַלטרוימער.

דער פראָש און דער אָקס

— עס האָט דער פראָש דערזען דעם אָקס באַם טײַכל
און מיטנ אָקס געוואָלט זיכ אינ דער גרעב פארגלײַכנ.
ער הייבט אָנ בלאָזנ זיכ, צעשפארנ זיכ און סאפענ.
„איאָ, איכ האָב שוינ, קוואקע־קרוינ, א קאפל
געכאפט דעם אָנבליק פונעם אָקס?“
האָט אונדזער פראָש דער כאוורטע געזאָגט.
„קיינ סימענ ניט!“ „אָט וועל איכ זיכ א בלאָז טאָנ בעסער.
וואָס הערט זיכ, זשאבע־לעבנ? כ׳בינ א ביסל גרעסער?“
„קימאט ווי גאָרניט“. „נו, און איצט, אשטייגער?“
„דאָסזעלבע“. ווײַטער זיכ צעפיכקעט און צעקײַכט,
און, איידער ס׳האָט דער פראָש זיכ מיטנ אָקס פארגלײַכט,
האָט ער פונ בלאָזעניש געפלאצט און איז געפייגערט.

דאָס קעסטעלע

עס טרעפט איך לעבן גאָר נים זעלטן:
דו קליגסט זיך, האָרעוועסט און לייגסט איין וועלטן,
דערנאָכדעם זעסטו, אז דו האָסט
געקאָנט עס מאכן פּראָסט.

צו איינעם האָט מען פון ווארשטאט אמאָל געבראכט
א קעסטעלע, א שטיקל ארבעט — גאָר א פּראכט,
א וואונדערלעכע שניצעריי, א פארגעניגן.
נו, יעדער איינציקער האָט זיך אין דעם געשפּיגלט.
געקומען איז א קאָמפּעטענט גאָר א גרויסער,
וואָס האלט זיך אין מעכאניק פאר א ווייסער.
ער טוט דאָס קעסטעלע א גלעט
און זאָגט: „באַם קעסטעלע ז'פאראנען א סעקרעט.
נו, יאָ, ס'איז טאקע אָן א שלאָס. א גרויס אנטיקל!
און דאָך וועל איך עס עפענען. אין מאשינעריע
בין איך דאָך עפּעס אויך א שטיקל בעריע.
וואָס לאכט איר? סע גיטאָ זיך וואָס צו שטיקן!"
ער נעמט דאָס קעסטעלע און דרייט עס הין און הער,
א קלאפּ אין יענער זייט, א קלאפּ אין דער,
ער פּרוּווט א רוק טאָן אלעמאָל אן אנדער צוועקל,

א קוועטש דאָס קליאַמקעלע, דאָס דעקל.
דער אוילעם שטייט און קוקט עס צו פֿונוויַיטן,
מע שושקעט זיך, מע לאַכט, מע האַלט זיך בײַ די זײַטן.
און מערער הערט מען ניט פֿון אים קיין וואָרט,
ווי נאָר: „נישט דאָ, נישט דאָרט!“
דער קאָפּמענטש היצט זיך, טאַפּעט, ווי א גאַנדז, און בלאָזט,
זיך אָנגעמוטשעט און דאָס קעסטעלע פֿאַרלאָזט.
וויַאזוי צו עפֿענען — ער קאָן עס גאָר נישט טרעפֿן.
און ס׳קעסטעלע האָט זײַער פּאַשעט זיך געעפֿנט.

דער וואָלף און דער קאָטער

פאַרלאָפן איז דער וואָלף אין דאָרף אינמיטן נאַכט;
און גראָדע גישט פאַר טײַנעג.
נאָר ראַטעווען געוואָלט די ביינער זײַנע —
עס האָט אַן אומגליק אים פון וואַלד אַהער געבראַכט:
עס זײַנען יעגערס מיט די הינט נאָך אים געפלויגן.
דער וואָלף לויפט אום, נאָך אַ באַהעלטעניש ער גאַרט,
נאָר ווו ער טוט אַ וואָרף די אויגן,
איז טיר און טויער שוין פאַרשפּאַרט.
און דאָ די יאָג־הינט בילן, און די האָרנס שאַלן.
וואָס טוט מען? ביטער, ווי דער טויט!
און פּלוצים זעט ער, ס׳שטייט דער קאָטער אַם אַ פּלויט.
ער נעמט דעם קאָטער בעטן, צו די פיס אים פאַלן:
„אוי, האָב ראַכמאָנעס, ליבער פרײַנט,
און ווײַז מיר אינדערגיך אַ גוטן פּויער,
ער זאָל מיר עפענען דעם טויער
און ראַטעווען מיך פון די בייזע פײַנט".
„לויף גיכער", זאָגט דער קאָטער: „בעט סטעפּאַנען;
אַ גאָלדן האַרץ און וווינט ניט ווײַט פונדאַנען".
„סטעפּאַנען? גאָט באַוואָר!
איך האָב בײַ אים פאַרצוקט אַ ציג פון קאָרג אַ יאָר".

„איז גיי און טו א וועק דעניסן".
„דעניס איז אויך מיסטאם אפ מיר אין כּעס:
איך האָב א קעלבּעלע בּא אים צעריסן".
„וויבּאלד אזוי, איז טו א שפּרונג אפ יענער גאס,
דאָרט זיצט אנטאָן".
„דו זאָלסט אים מיר אפילע נישט דערמאנען,
ער טראָגט אפ מיר א הארץ פון פרילינג אָן —
פאר א בּאראַן". „סע שמאָל! נו, סײַדן בּא דעמיאנען?"
„אוי, קאָטער הארציקער, איך טאָר דאָס אויך נישט טאָן,
ער איז אפ מיר דאָך אָנגעצונדן:
בּא אים האָב איך א בּיקל אָפּגעשונדן".
„איך זע שוין", מאכט דער קאָטער, „איצטער קלאָר,
אז דו האָסט יעדן אָנגעזאלצן היפּשלעך.
ז'אָפּ וועמען האָפסטו דאָ אין דאָרף?
ווער וויל עס ראטעווען אן אומגליק אפ זײַן קאָפּ?
ניטאָ בּא אונדז אזוינע טיפּשים.
דו בּעסער נעם און טראָג זיך אָפּ.
און רעכט, ווי זאָגט מען עס בּא לײַטן:
מע בּעט זיך אויסעט הארט, איז קוועטשט מען אָפּ די זײַטן".

טרישקעס קאפטאן

געווען בא טרישקען א קאפטאן.
איז טרישקע לאנג אין אים געגאן, געגאן,
ביז אף די עלנבויגנס און א ביסל העכער
זיך אויסגעריבן האבן צוויי געזונטע לעכער.
געכאפט א נאָדל־פאָדעם, שער און אייזן,
מיין טרישקע נעמט זיך שניידעריי באווייזן.
אראפגעהאקט די ארבל אף א ווערשקעס דריי,
געלייגט צוויי לאטעס—דער קאפטאן איז ניי.
ניט מער, די הענט געוואָרן זיינען עפעס לאנגע.
איז וואָלט עס אים צום הארצן ניט אזוי דערגאנגען,
נאָר אלע לאכן שטארק.
זאָגט טרישקע: „עפעס בין איך דען א נאר!
אָט טו איך זיך א ריר
און מאך די ארבל לענגער נאָך, ווי פריער".
און טרישקע, אז ער זאָגט, איז מענט איר זיין באוואָרנט:
די פאָלעס אפגעשניטן הינטן, פאָרנט,
די ארבל אנגעשטיקעוועט. און לאָזט זיך טאנצן:
מע זעט די הענט שוין ניט ארויס אינגאנצן.
אף דער נעשאָמע ווערט מיין טרישקען גוט און ווויל,
כאָטש דער קאפטאן איז קירצער פון קאמזויל.

צוויי ייִנגלעכ

„וואָס שטייענ מיר דאָ, סעניע, ווי באראנעס ?
אינ קלאס איז דאָכ נאָכ פרי צו גייִנ.
מיר וואָלטנ בעסער צווישנ יאָ אונ ניינ.
אריינ אינ סאָד אונ אָנגעריסנ דאָרט קאשטאנעס״.
„דער בוים איז אָבער זייער הויכ, דו האָסט פארגעסנ ?
מיר וועלנ דאָכ ניט צוקומענ צו זיי.
הער, פעדיע, וועדליק איכ פארשטיי,
איז וועלנ מיר אָט די קאשטאנעס הײַנט ניט עסנ.״
„אבי מע האָט א קאָפּ נאָר אפ דער פלייצע,
געפינט מענ זיכ אנ אייצע.
דו העלפ מיר בלויז זיכ שטעלנ אפנ ערשטנ סוק,
וועל איכ שוינ זײַנ טונגריבנ מיטנ קוק —
אונ האלעוויי מיר זאָלנ נאָר אזויפיל וועלנ״.
דער פלאנ איז סעניענ גוט געפעלנ.
מע לאָזט זיכ גלײַכ אוועק צום בוים שוואליאָם.
מײַנ סעניע האָרעוועט, ער שוויצט אונ סאפעט,
ער העלפט דעם כאווער צו, ווי ווײַט ער קאָנ,
ביז פעדיע האָט זיכ סאָפּקאָלסאָם ארופגעדראפעט.
א ליכט איז אינ די אויגנ פעדיענ דאָ געוואָרנ:
קאשטאנעס אָנגעשיט — א יאם.

דער מויז אין א זאסיק מיט קאָרן
איז אויך ניט בעסער מינאסטאם.
מיט איינעם וואָרט, וואָס דארף מען ריידן —
עס קאָן שוין גראדע קלעקן דאָ פאר ביידן.
איז וואָס קומט אָבער סענקען פונדערפון ארויס?
ער שטארבט נאָך א קאשטאן נאָך א געשמאקן,
באַר פעדיע זיצט און רײַבט אפ ביידע באקן,
און ווארפט פונויבן אים די שאָלעכץ בלויז.

דעמיאַנס פּיש־זופּ

„פּעדראָטעניו, מײַן לעבן, עסט־זשע, נו!
וואָס שטייט איר צו?"

„מײַן פרײַנט, איך בין שוין אָנגעגעסן". „ווייס איך!
עסט, עסט! איך מעג שוין זײַן אַזוי באַהיט פון שלעכטס,
אויב מע דערלאַנגט אַזאַ געקעכץ
אַפילו פאַרן קייסער".

„צוויי טעלער אויפגעגעסן שוין". „איז טאַקע ביטער!
וועט זײַן אַ דריטער;
און זאָל אײַך וויל באַקומען; זעט,
ווי ס'איז דער זופּ, קענאַרע, פעט
און לויטער, ווי בורשטין. איז זאָגט־זשע מיר ניט אָט:
נו, נעמט, נו, עסט, מע דאַרף אײַך אונטעריאָגן?
אָט דאָס־אָ לעשטשעלע פאַרזוכט, אָט דעם־אָ קאָפּ.
וואָס שוואַכסטו, ווײַב? מעגסט אויכעט עפּעס זאָגן."

אזוי האָט עס דעמיאַנ פּעדאָטנ
אַנומלט אױפגענומענ פאַר א גאַסט
און ניט געלאָזנ איבערכאַפּנ אים דעם אָטעם!
אַף יענעם איז שוינ, נעבעך, לאַנג דאָס העמד פּיטש־נאַס.
פעדאָט האָט זיך מיט אַלע קױכעס אָנגענומענ
און נאָך פונדעסטוועגנ א טעלער בײַגעקומענ.
„אזוי פאַרשטײ איך!" איז דעמיאַנ אַנטציקט:
„כ׳האָב פײַנט די לײַט, וואָס פּראָווענ פּוילע שטיק.
„אַצינד, פעדאָטעניו, כאָטש נאָך איינ טעלער!"
דערהערט אוּעלעכס,
איז, ווי ער האָט ניט ליב געהאַט קײנ פיש,
האָט מײַנ פעדאָט געכאַפּט דאָס היטל מיטנ גאַרטל
און, ווי א קױל, אַרױס פונ שטוב. דעמיאַנ קאָנ וואַרטנ,
ער זאָל נאָך ווענ אַמאָל פּעדאָטנ בא זײַנ טיש.

איך וויל דאָ וועגנ שרײַבער זאָגנ א פּאָר ווערטער:
געבענטשט זײַנט איר, אויב נאָר עס איז טאַלאַנט באַשערט אײַך
נאָר האָט איר נײַנ מאָס רייד, און צו דער רעכטער צײַט
איר קענט ניט צושווײַגנ, איז וויסנ זײַט,
אַז ס׳וועט די פּראָזע אײַערע און אויך די לידער
נאָך מער פונ אָט דעם פיש־זופּ יעדנ זײַנ דערווידער.

דער כאזער אונטערנ דעמב

דער כאזער האָט אונטער א דעמב אנ אלטנ
מיט כאזער־ניס זיכ אָנגעכראָמטשעט זאט,
דערנאָכדעם האָט ער אינ זײַנ שאָטנ זיכ באהאלטנ,
זיכ אײַנגעמאָסטעט אקוראט,
זיכ אויסגעשלאָפנ גוט אפריער
אונ האָט די וואָרצלענ פונעם דעמב גענומענ ריִענ.
„דו שעדיקסט דאָכ דעם בוים מיט יעדנ גראָב מיט דײַנעם“,
האָט פונעם דעמב א ראָב גענומענ טײַנענ:
„ער קענ נאָכ אָנהייבנ צו טריקענענ אונ דארנ“.
„א דײַגע!“ זאָגט דער כאזער צו דעם ראָב:
„עס טוט מיר פארנ בוים ניט וויי דער קאָפּ.
ער מעג ניט זײַנ אינגאנצנ, וועט מיר אויכ ניט ארנ.
ווער דארפ אימ, גיב מיר צו פארשטײַנ —
אבי נאָר כאזער־ניסלעכ זאָל זײַנ וואָס מיינ“.
„דו, גראָבער נעפעש!“ קאָנ דער דעמב שוינ מער ניט שווײַגנ:
„ווענ דו קענסט אויפהייבנ ארופ דײַנ שנוק,
וואָלסטו געזענ, דו כאזערוק,
אז אָט די ניסלעכ וואקסנ דאָכ אפ מײַנע צווײַגנ!“

דער וואָלף אינעם הונט־הויף

אמאָל איז מיט א וואָלף א מײַסע זיך פּאַרלאָפן —
צי ווײַל די נאַכט איז בלינד,
צי עפּשער נישט דערשלאָפן —
געמיינט, ער קריכט צו שאָף, און ניט געטראָפן:
אַרײַן איז ער גאָר אין א הויף מיט הינט.
דעם גרויען כעווריעמאַן אין הויף דערפילט,
האָבן די הינט זיך אין די שטאַלן שטאַרק צעבילט;
זיי רײַסן זיך א וואָרע מאַכן, ווי סע פּאַסט
פאַר אָט אזא מין אָנגעלייגטן גאַסט.
דער הויף איז איינס און צוויי שוין אפ די פיס געשטאַנען.
„א גאַנעוו!" שרײַט מען: „כאַפּט אים, גוואַלד, א גאַנעוון!"
דעם טויער גלײַך פאַרהאַקט. א געוועם ווערט אין הויף:
מע יאָגט, מע פליט, מע לויפט,
צעטומלט און דערשראָקן.
בא דעם א ביקס, בא דעם א פלאָקן.
„מאַכט פײַער!" שרײַט מען: „פײַער!" אָנגעצונדן.
מע טוט א קוק:
מײַן וואָלף איז אין א ווינקעלע פאַרוקט
און קאָרטשעט זיך דאָרט אין געהאַקטע ווונדן:
די ציינער קנאַקן, אופגעשטעלט די האָר,

די אויגן ברענען, ווי די הייסע קוילן,
און אײַנגעשלונגענע וואָלט ער דאָ דעם גאַנצן אוילעם;
עס איז אים, נעבעך, אָבער קלאָר,
אַז דאָ איז ניט קיין סטאַדע און אַז, סאָפּקאָלסאָפּ,
אַ כעזשבן וועט מען אים דערלאַנגען פאַר די שאָפּ.
הייבט אונדזער שיבעניק זיך אָן צו קלײַגן:
„כאַווײַרים", זאָגט ער: „ס'איז, אַפּ מײַן וואָרט, אַ פאַרדראָס.
איך בין געקומען דען מיט אײַך זיך קריגן?
מע דאַרף נישט האָבן אָטאָ דעם גערודער!
צו וועגן? צו וואָס?
איז פאָלגט אַן אַלטן גוטן ברודער:
איך גיב אײַך דאָ מײַן הייליק וואָרט, איר הערט?
כ'בין גרייט פאַר אײַך אין וואַסער און אין פײַער —
און וויפל ס'איז צו לעבן מיר באַשערט,
וועל איך אײַך זײַן אַ היטער אַ געטרײַער;
ניט פאַלן וועט אין סטאַדע דאָ קיין טראָפּן בלוט, —
און לאָמיר שוין אַפּ ווײַטער ווערן גוט.
און טאָמער..." „הער־זשע אויס, מײַן פרײַנט, גענוג צו שיטן",
האָט אים דער לאָוטשע אָפּגעהאַקט אינמיטן:
„איך האָב צו טאָן מיט דײַנע לײַט פון זייער לאַנג
און קען די וועלפּישע נאַטור שוין אויסגעבונדן,
דעריבער גיי איך מיט אַזאַ מין גאַנג:
אַ שאָלעם שליסן? יאָ. נאָר ניט אַצינד —
דערנאָך, ווען דו וועסט זײַן שוין אָפּגעשונדן".
און טייקעף אָפּ וואָלף אַרויסגעלאָזט די הינט.

דער לאָוטשע — דער עלטסטער פון די אויפזעערס איבער די הינט.

צוויי פעסלעך

צוויי פעסלעך פאָרנ: אײנס איז פול מיט ווײַנ,
דאָס צווייטע לײדיק.
דאָס ערשטע קאטשעט זיך אָנ טומל, פײַנ,
פאמעלעך אונ באשיידנ;
דאָס צווייטע שפרינגט אונ טראסקעט, אונ פארטויבט,
אונ הייבט אופ אפנ טראקט א גאנצנ סטויפ
מיט שטויב.
די מענטשנ שארנ זיך מיט פאכעד אינ די זײַטנ,
ווי נאָר דאָס פעסל לאָזט זיך הערנ פונדערווײַטנ.
סע שרײַט, סע גראגערט, נאָר וואָס קומט ארויס?
די נוצ פונ דעם איז פאָרט ניט, ווי פונ ערשטנ, גרויס.

דער מאגנאט

אמאָל האָט א מאגנאט—געווען איז דאָס פארצייטן—
אוועקגעלאָזט זיך אין א לאנד א ווייטן,
אהין, ווו גאָט פלוטאָן איז קיניג,
געשטאָרבן—קורץ גערעדט; און לויטן אלטן מינעג
האָט ער אין גענעם צום געריכט זיך גלייך געשטעלט.
מע נעמט אים טייקעף צום פארהער:
„פונוואנען א געבירטער? ווער?
און וואָס האָסטו געטאָן אף יענער וועלט?"
„אין פערסיען בין איך געבאָרן
און א סאטראפ געוועזן אלע יאָרן;
געהאט צו טאָן מיט מיין געזונט דאָס גאנצע לעבן,
און צו דעם קאנט זיך אָפצוגעבן
איז ניט געווען פאר מיינע קויכעס, און דערפאר
האָט די איניאָנים מיר געפירט דער סעקרעטאר".
„און דו אליין,
דו האָסט עפּעס געטאָן צי ניין?"
„געטרונקען און געגעסן, אף שפאציר געגאנגען,
און אלץ געכאסמעט, וואָס ער פלעגט מיר נאָר דערלאנגען".
„גענוג, ניטאָ מער וואָס צו ריידן,
עס קומט אים דער גאנ־עדן!"

„װאָס הייסט! מע טאָר אזא מינ אומרעכט נישט דערלאָזנ!"
האָט גאָט מערקורי זיכ גענומענ בלאָזנ.
„דו שװײַג, מערקורי", רופט זיכ אָנ עאק:
„פארשטייסט ניט אינ דער זאכ פאר קיינ פיאטאק.
אָט דער געשטאָרבענער, װאָס מיר האָבנ געזענ דאָ,
איז דאָרט קיינ גרױסער כאָכעמ ניט געװענ דאָכ.
װענ מיט אזא מינ גרױסער מאכט
ער זאָל געװענ זיכ נעמענ פירנ די איניאָנימ,
װאָלט ער א געגנט אומגעבראכט,
מיט טױטע קלאָלעס װאָלט מענ אימ דערמאָנענ.
עס קומט אימ דער גאנײדנ, אינ גאנײדנ גײט ער,
דערפאר װאָס די איניאָנימ האָט געפירט א צװײטער."

איכ האָב געזענ א ריכטער אײנעמ
אונ קאָנ אײַכ זאָגנ שטילערהײט,
אז אינ גאנײדנ איז שױנ איצטער, מײנט איכ,
א שטול פונ זײַנעטװעגנ גרײט.

פ ל ו ט אָ נ — בײַ די אלטגריכנ דער גאָט פונ גענעמ.
א ס א ט ר א פ — א גובערנאטער.
מ ע ר ק ו ר י — דער גאָט פונ האנדל בײַ די אלטרוימער.
ע א ק — לױט דער גריכישער מיטאָלאָגיע אײנער פונ די ריכטער אינ גענעמ.

דער האָז אפּן גײעג

עס האָבּן כײַעס אײנמאָל א פרימאָרגנ
אינמיטנ פעלד א בּער דערוואָרגנ
אונ אָנגעהויבּנ טײלנ צווישנ זיכ,
אפּ יעדערנ זאָל אויספאלנ א כײלעק.
דער האָז שטײט אויכ אינ קאָנ אונ סאפעט גיכ.
מע טוט א קוק: ער שלעפּט אנ אויער פונעם בּער.
„קאָסאָקער!" שרײַט מענ: „דו! אונ ווי קומסטו אהער?
דו האָסט דאָכ אינ גײעג זיכ נישט בּאטײליקט!"
„וואָס רעדט איר?" מאכט דער האָז: „ווי קענט איר עס גאָר זאָגנ?
אונ ווער האָט אימ פונ וואלד? ס'האָבּ איכ אימ דאָכ געשראָקנ
אונ גלײַכ אינ פעלד
אײַכ צוגעשטעלט
אָט דאָס אנטיקל!"
כאָטש ס'איז געווענ אנ אָפּענע בּארימערײַ,
נאָר ס'האָט געשמעקט אזא מינ כײנ דערבּײַ,
אז מ'האָט דעמ האָז שוינ אויכעט צוגעטײלט א שטיקל.

ניט אײנמאָל האָבּנ מיר געזענ אזא מינ זאכ:
מע האָט פונ דעמ בּארימער גוט געלאכט,
אונ דאָכ האָט ער בּאמ טײלנ זיכ ניט שלעכט געמאכט.

דער קאָטער און דער קעכער

א קעכער האָט זיך מיטן מיטיק פרי באַפּאָרעט
און איז אַוועק א ווײַלינקע אין שענק.
געלאָזן האָט ער
אין קיך דעם שוואַרצן קאָטער
און אָנגעזאָגט אים שטרענג,
ער זאָל דאָ האַלטן אויג, קײן מײַז זאָלן ניט שנאָרען.
נאָר וואָס דערזעט ער, ווען ער קערט זיך אום? א שרעק:
עס פעלט א לעבערל, די פאַרפעלעך צעשאָטן,
דער קעטאָר וואַסקע — אין א ווינקעלע פאַרשטעקט
און פּאַקעוועט א הינדל א געבראָטנס.
„דו, פרעסער, זויפער אײנער וואָס דו ביסט, באַנדיט!‟
נעמט אונדזער קעכער וואַסקען מוסער זאָגן:
„אָט דאָס האָסטו אַזוי געהיט?
זיך אין א ווינקעלע פאַרשלאָגן —
און עסט! וואָס וועלן איצטער זאָגן לײַטן?
מע טאָר דיך צו קײן שטוב ניט לאָזן פאַר א מײַל!
דו מעגסט זיך שעמען אין דײַן האַלדז דעם ווײַטן‟.
(און וואַסקע רײַבט דאָס הינדעלע דערווײַל.)
„געווען אַן אָרנטלעכער קאָטער אַלע יאָרן;
עס האָט געקלונגען דאָך מיט דיר די גאַנצע שטאָט.

און פלוצים — גאָט מיַין גאָט!
אזא מיַן שאנד! א גאנעוו גאָר געוואָרן!
„אַן אויסוואָרף! יענער שלעפּט דאָך פון די הענט! —
וועלן די שכיינים איצטער זאָגן: —
„מע דאַרף אים, ווי דער שווארצער פעפער וואקסט, פאַריאָגן.
מיר וואָלטן בעסער אים איַנגאנצן נישט געקענט!
ס'איז דען א קאָטער?
דאָס איז דאָך עפּעס א געשוויר, א בלאָטער,
אַן עקסיקע, א כ'חייס אַליין ניט וואָס, א פּעסט!
(און חאסקע הערט עס אויס און עסט.)
דער שיינער רעדנער מיַינער
הערט אלץ ניט אוף דעם קאָטער איַינצוטיַינען.
געזונגען אזוי לאנג און בריַיט, גערעדט, געשטראָפט,
ביז חאסקע האָט צורעכט געמאכט דאָס גאנצע אָפּ.

עקסיקע — טובערקוליאָז.

דער טשיזש און די טויב

דער טשיזש האָט אין א שטײַגל זיך געפּאַקט.
ער וואָרפט זיך, נעבעך, רײַסט זיך, נעבעך — ביטער:
דאָס פֿײגעלע איז גוט פֿאַרהאַקט.
א טויב ט׳אים אַף די ווענדנ וואָלט גענומען שיטנ:
„דו שעמסט זיך ניט? אינמיטנ העלנ טאָג!
האָט זי צום טשיזש מיט שאַדנפֿרייד געזאָגט:
איך קאָנ קאַפּירנ,
אַז ס׳וואָלט מיט מיר אַזעלכעס קיינמאָל ניט פּאַסירנ".
און פּונקט אין דער מינוט
האָט איר א כאַפּשנירל פֿאַרבונדנ שטײַף דאָס פֿיסל.
און רעכטס: אָט ווײַטער, טײַבעלע, וועסטו שוין וויסנ,
אַז פֿרייענ זיך אַף יענעמס צאָרע איז ניט גוט.

דער וואָלף און דער פאַסטעך

א וואָלף איז שטיל פאַרביי א פאַסטעכ־הויפ געגאַנ.
ער כאַפּט א קוק אינ א שפּאַרונע, זעט ער:
עס ליגט דאָרט א געשאָכטענער באַראַנ א פעטער,
א פאַסטעכ זיצט זיכ רויִק באַם באַראַנ
און טרייבערט די געדערים.
דערביי די הינט — מע זאָל פונ זיי א פּיפּס כאָטש הערנ!
האָט ער מיט האַרצווייטיק געטאָנ א זאָג צו זיכ:
„איכ מאָל מיר אויס אָט דעם האַרמידער,
וואָס איר וואָלט אויסגעהויבנ, ברידער,
ווענ דאָס וואָלט טאָנ נישט ער, נאָר איכ".

דער בער בא די בינען

די כמעס האָבן זיך ארומגעקוקט אנומלט,
אז מיט די בינשטאָקן איז עפּעס גאָר ניט גלאט.
צונויפגערופן האָבן זיי א גרויסן ראט,
געראשט, געגוואלדעוועט, געטומלט,
געבראָכן זיך די קעפּ, צום סאָף באקלערט:
אן אופזעער באדארף מען שטעלן א געניטן,
ער זאָל דעם האָניק היטן.
איז וועמען קלייבט מען אויס? געבליבן איז — דעם בער.
און דאָס, וואָס ער
ז'אליין א לעק צו טאָן א גרויסער באלן,
איז קיינעם גראָד ניט איינגעפאלן.
דער נאשער האָט געכאפּט, און איינס און צוויי —
דעם גאנצן האָניק ביז א ברעקל
אין זיין בערלאָגע אינדערגיך ארייַנגעפּעקלט.
געוואָרן איז א ליארעם, א געשריי,
מע שלעפּט דעם שווינדלער אין גערייכט זיך לאָדן.
דעם בער האָט מען געגעבן גלייך דעם ווען —
אי פארן פלעק,
אי פארן שאָדן.
דערצו האָט מען באפוילן הארב:

קעדיי דער אויסוווּרף זאָל אַפּ וווײַטער וויסן,
אַז גאַנווענען איז ניט אַזאַ געשמאַקער ביסן,
זאָל ער דעם ווינטער אין בערלאָגע זײַן פֿאַרשפּאַרט.
דעם האָניק אָבער ט׳מען בײַ אים ניט אָפּגענומען.
און בערטשיק איז די שטראָף גאַנץ ערלעך אָפּגעקומען:
זיך אַפּן ווינטער אין בערלאָגע גוט פֿאַרשטעקט,
ניט אָנגעקוקט. האָט מען זײַן פּאָנעם —
נאָר האָניק
האָט ער שוין דאָפּקע יאָ געלעקט.

דער ליגנער

זיך אומגעקערט פון ווייַטע רייַזעס,
איז א בארימטער פירשט (צי ,עפשער גלאט אן אדלמאן)
אין פעלד מיט זייַנס א כאווער אפ שפאציר געגאן
און אים גענומען אויסדערציילן מייַסעס,
וואָס ער האָט אָנגעזען זיך אָפ דער וועלט;
דערבייַ האָט אויך קיין ליגנס ניט געפעלט.
„ניין", זאָגט ער: „כ'קען דיר גאָר ניט איבערגעבן,
אמינע וווּנדערלעכע זאכן כ'האָב געזען!
איך פרעג בא דיר: דאָס איז א לאנד בא אייַך? א לעבן?
אָט אין א היץ, אָט איז א פראָסט א ברען!
אָט איז די זון נישטאָ, און אָט איז זי פאראנען!
און דאָרט
איז מאמעש א גאניידן; ערגעץ וואָרט,
איך הייב זיך אָן דערמאנען,
וואָלט איך אָט די מינוט אוועק פונדאנען.
כ'האָב וויפל דאָרטן צייַט פארבראכט
און ניט געוווּסט, וואָס הייסט עס „טאָג", וואָס הייסט עס „נאכט".
ווער ליכט? וואָס ליכט? ווען ווינטערדיקע קליידער,
אז ס'איז איבערויסן העלער טאָג און מייַ קעסיידער!
מע אקערט ניט, מע זייט דאָרט־ניט, און — גאָט מייַן גאָט! —

וואָס דאַרט געראָט! וואָס דאַרט געראָט!
אשטייגער, כ'בין ניט לאנג געווען אין ריגע,
האָב איך געזען אן אוגערקע אין מארק,
איז זי געווען די גרייס — ניט זאָגן דיר קיין ליגן —
א בארג!"
„עס טרעפט אזעלעכס!" רופט זיך אָן דער כאַווער:
„פאראן געגוג כידושים אומעטום,
נאָר גלאט, ניט שטענדיק קוקט מען זיך אָפּ זיי ארום.
אָט וועסטו זען א וווּנדער א ציקאַווע:
מיר דארפן באלד מיט דיר דאָ איבערגיין א בריק,
א גרויס אנטיק,
דו האָסט אזא כאריפעס זיכער ניט באגעגנט.
די בריק איז דאָ אין גאנצן קאַנט באוווּסט:
א ליגנער טאָר זיך נישט דערוועגן
אָפּ איר ארופצוטרעטן מיט א פוס;
און פרווּוו ער גיין, צעשפּאלט זי זיך די רעגע
און שלײַדערט אים ארײַן אין וואסער גלײַך."
„און וויאַזוי איז דאָ דער טײַך?"
„גאנץ טיפלעך. זעסטו שוין, אז אויך די בריק די היגע,
ז'ניט ערגער, ווי די אוגערקע די ריגער,
וואָס איז די גרייס... מיר דוכט, אז ווי א בארג?"
„נו, מאָל דיר, ס'רעדט זיך. און אז ווי א שטוב, איז קארג?"
„פארוואָס! א גרויסע זעלטנהײַט, מע קען ניט זאָגן!
ניט מער די בריק,
וואָס קאָן קיין ליגנערס ניט פארטראָגן,
איז אויך געגוג כידושימדיק.
ס'א וווּנדער מאמעש, ווי זי קאָן זיי ניט פארלײַדן!
ערשט דעם־אָ פרילינג גראָד

האָט דאָ פּאַסירט אַ זאַך (עס ווייסט די גאַנצע שטאָט):
געגאַנגען צוויי זשורנאַליסטן מיט אַ שנײַדער
און זײַנען דאָרטן אײַנגעפאַלן אַלע דרײַ.
די אוגערקע איז אַ כאַריפּעס סײַװיסײַ—
וויאַזוי זאָגסטו די גרייס? פאַרגעסן, וואַרט אַ ווײַלע...
מיר דוכט, אַז ווי אַ שטוב? ס'איז אויכעט זייער גרויס!"
„נו, מאָל דיר, ס'רעדט זיך בלויז:
פאַראַן אַ שטוב, פאַראַנען אַ שטובײַלע!
איך מיין
אַ שטיבעלע, אַ פּיצל:
אַז צווייען קריכן קאָם אַרײַן, איז ניט צו שטיין
און ניט צו זיצן".
„פונדעסטוועגן! דאָס הייסט דאָך אויך ניט קליין.
די אוגערקע מוז זײַן פון גאָר אַנטיטשנע סאָרטן,
אויב צווייען קאָנען זיך באַזעצן דאָרטן!
נאָר אַז מע וויל צוריק,
איז ניט קיין קלייניקײַט אויך אונדזער בריק,
וואָס וואַרפט די ליגנערס אינעם טײַך דעם טיפן.
נו, קום אַפ יענער זײַט אַריבערגיין.
איז וואָס ביסטו געבליבן שטיין?"
„וואָס טויג אונדז אָט די בריק, ס'איז בעסער מיט אַ שיפל".

דער פוקס אונ די ווײַנטרויבנ

א הונגעריקער פוקס־האָט אינ א סאָד דערזענ,
עס רויטלענ זיכ דאָרט הענגלענ טרויבנ:
ווי די רובינענ, גלאַנצנ זיי פונויבנ.
די אויגנ אונ די ציינ האָבנ זיכ אימ צעבּרענט.
דער אומגליק איז: ער קענ זיי נישט דערלאַנגענ.
ער פּרוּווט פאַרגיינ פונפאָרנט, הינטנ, פונדערזײַט,
אונ כאָטש עס זעט דאָס אויג, נאָר צו די ציינ איז ווײַט.
א גאַנצע שעה געפּאַדעט דאָרט, ארומגעגאַנגענ.
דערנאָכ איז ער אוועק אונ רופט אויס מיט פאַרדראָס:
„איז וואָס?
זיי זײַנענ דאַפּקע אפּנ קוק אי פײַנ, אי שיינ,
נאָר גרינ, ווי גראָז —
פונ אָט אזוינע ווערנ הײַליק באַלד די ציינ".

צלמן פרמה, ...

דער העכט און דער קאָטער

ס'איז ביטער, אז א שוסטער נעמט זיך באַקן לעקעך,
און פּונקט אזוי איז שלעכט, אז שטיוול נייט א בעקער...

דעם העכט איז אײַנגעפאלן א געדאנק
א פּרווו צו טאָן די קעצישע מעלאָכע.
קען זײַן, עס האָט דערבײַ געשטעקט א מין צולאָכעס,
צי קינע; ווידער, עפּשער איז אים גלאַט פונלאַנג
דאָס עסן פיש שוין פונעם האלדז געקראָכן.
נאָר ווי די מײַסע זאָל נים זײַן — ער איז אוועק
א קאָטער ערגעצווו דערטאַפּן
און אײַנבעטן צו אים זיך אָפּ געיעגן
אין שפּײַכלער מײַז א ביסעלע צו כאַפּן.
„צי ווייסטו כאָטש, מיט וואָס די ארבעט שמעקט?"
האָט וואסקע אים געטאָן א פרעגן.
„איך קען דיך", זאָגט ער: „אָפּ געיעגן, פאַרשטייט זיך, פירן;
אָט איז א שפּײַכלער אויכעט גראָד נים ווײַט;
געדענק, מײַן פרײַנט, נאָר, זאָלסט זיך נישט בלאַמירן.
ווײַל „אז מע קען ניט און מע ווייסט ניט", זאָגן לײַט..."
„געהערט די כאָכמע! „נעמט מען זיך ניט אונטער"?
א יערש איז פון א מויז א קאַפּעלע געזונטער!"
„איז אין א גוטער שאָ, נו, קום". מע איז אוועק.

זיך אָפּגעטרייסלט, אויסגעגלײַכט די ביינער
און דעם באַטראַק גענומען זידלען. „באַלעבאָס,"
האָט א געפּלעפּטער אים סטעפּאַן געפרעגט: „פּאַרוואָס?"
„פּאַרוואָס, דו מערדער איינער!
דו בּאָק, באָמאָז!
אבי ער שטעקט! ס'איז דיר ארויסגעקראָכן?
די גאַנצע פעל צעשטאָכן!"

דער אָראַקול

געשטאַנען אין אַ טעמפּל איז
גרויסאַרטיק, הויך און שטאָלץ
אַן אויסגעטאָקטער גאָט פון האָלץ.
איינמיטן דרינען
האָט ער גענומען מיט אַ מענטשלעכן קאָל
געוויִעס זאָגן פאַרן פאָלק
און געבן קלוגע אייצעס יעדן בעטער.
דערפאַר איז ער געווען מיט זילבער און מיט גאָלד
באַצירט, פאַרוואַלגערט מיט קאָרבאָנעס פעטע,
מיט טפילעס טאָג ווי נאַכט פאַרטויבט,
פון ווייַרעך האָט געזעצט אַ רויך אַ גאַנצער סטויפּ.
דאָס פאָלק האָט דעם אָראַקול שטאַרק געגלויבט.
און פּלוצים—ס׳אַרא שווידער,
און ס׳אַרא שאַנד!—
ער רעדט גאָר עפּעס פּידרעך און ער פּלוידערט,
עס קלעפּט זיך, ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט.
אַ גרויסער כידעש איז געוואָרן יעדן איינעם,
וואָס ס׳האָט די וואונדערלעכע קראַפט דעם גאָט פאַרלאָזט.
די זאַך איז אָבער זייער פּראָסט:
דער אָפּגאָט איז געווען אַ פּוסטער; אינעווייניק

געזעסן זײַנען כיטרע פּריסטערס גאַנצע טעג
און יעדן קלוג געענטפערט, וואָס ער האָט געפרעגט.
און ווי עס איז אהינ ארײַנ א פּריסטער,
א נאַר, אַנ אָפּגעריסענער, א וויסטער,
איז אויך דער גאָט
צו שאַנד געוואָרנ און צו שפּאָט.

אַ נ אָ ר אַ ק ו ל — דער, וואָס זאָגט נעוויִעס, א טרעפער. בא די אמאָליקע פעלקער האָבנ עקזיסטירט טעמפּלען, וווּ די באַזוכער פלעגנ באַקומענ אייצעס אינ פאַרויסזאָגונגענ וועגנ די קומענדיקע געשעענישנ.

פּ ר י ס ט ע ר — אַזאַ גײַסטלעכער.



די מויז און דער שטשור

ארײַנגעלאָפן איז די מויז פארסאפעט
און רופט זיך אָן צום שטשור: „דו האָסט געהערט, מײַן שאַץ,
די גוטע בשורה? מע דערציילט דאָך, אַז די קאַץ
האָט זיך געפּאַקט צום לײב אין זײַנע לאַפּעס —
א סאָף, אַן עק צו אונדזער פּלאָג!?"
„האָב צײַט, מײַן פרײַנט, צו פרייען זיך — ס'איז פּוסטע קלאַנגען.
וויבאלד צו לאַפּעס איז בא זיי דערגאַנגען",
האָט צו דער מויז דער שטשור געזאָגט:
„בין איך דעם לײב שוין גראָדע ניט מעקאַנע —
קיין שטאַרקערס פון קיין קאַץ איז ניט פאַראַנען".

דער לייב

דער לייב ז'געוואָרנ שוואכ אונ אלט,
אונ ס'האָט זײַנ הארט געלעגער אימ גענומענ שאטנ.
ווײַל, ערשטנס, קוועטשט, אונ, צווייטנס, איז אימ קאלט.
איז רופט ער איינמאָל זײַנע האָריקע מאגנאטנ —
די בערנ די פּאטלאטע מיט די וועלפ, אונ זאָגט:
„געשעצטע הערנ! כ'האָב זיכ שוינ גענוג געפּלאָגט,
נאָר איצטער מוז איכ ליידנ.
איכ האָב פונ מײַנ געלעגער שוינ געבּרענטע ליידנ.
עס וואָלט געוועזנ נישט קרומ, צוליבנ אלטנ זיידנ
זאָלט איר צונויפקלײַבנ א ביסל וואָל,
בעווײנטלעכ, נימ באקריוודענ שטארק דאָס פאָלק.
אונ לאָמיכ מער נימ שלאָפנ אויפ די הוילע שטיינער".
„אלמעכטיקער! מיר וועלנ אלע גריקט, ווי איינער",
געענטפערט האָבנ די מאגנאטנ מיטאמאָל:
„וויבאלד פונ דענעטווענג, איז דענ שלעכ?
נימ געבנ קיינ האָר — די פעל אפילע איז נישט טײַער.
פאראנ בײַ אונדז גענוג פערבאוטע בהמות —
דער האזש, די ציג, די פערדע, צו דער גוזר, —
האָבנ זײַנע נימ קימאט קיינ שטריקעכ,
מענ נעמט בײַ זיי א נעמ ... וואָל געשווינדע;

זיי וועלן געבן זייער גערן, —
פארקערט: עס וועט דאָך זיי נאָך גרינגער ווערן".
פונ דער געטרײַשאפט איז דער לייב גערירט.
די שיינע לײַט האָבן די הענט זיך גלײַך צעפירט,
אין אלע וועלדער, אַף די בערג און טאָלן
גענומען שאַף און רינדער גאָלן,
און זיי אליין,
כאָטש וואָל פארמאָגן זיי א ביסל מיין, —
קיין הערעלע האָט קיינער ניט ארײַנגעטראָגן.
פארקערט:
איך האָב אפילע דאָ ניט לאנג געהערט,
אז ס'האָט ניט איינער א מאטראַץ זיך אָנגעשלאָגן.

דער ווערוויק

איך דאָרף האָט איינמאָל בא די פּריצישע פּאַלייען
צונויפגעקליבן זיך אַ אוילעם לײדיקגייער,
באַטראַכט דעם ווערוויק אין דער ראָד און שטאַרק געקוועלט.
ס'האָט אויך אַ דראָסל אָפּ אַ ווערבע זיך געשטעלט
און האָט קיין אויג פון ווערוויק נישט אַראָפּגעלאָזן:
דער ווערוויק איז אין ראָד געלאָפן מיט אַזאַ מין ברען,
אַז מ'האָט די לאַפּקעס קאַם געזען,
און ס'האָט דער עק דער פּרעכטיקער זיך אים צעבלאָזן.
„דערצייל מיר, לאַנדסמאַן", טוט דער דראָסל אים אַ פרעג:
„וואָס ביסטו עס אַזוי פאַרהאָרעוועט?"
— „איך האָרעווע דאָ גאַנצע טעג,
מײַן ליבער כאַווער;
אַ לויפער בין איך בא די גרויסע לײַט —
אָפּ וויכטיקע איניאַנים אַ שאָליעך;
און ווי דו קוקסט מיך אָנעט, לויף איך, פלי איך
און האָב אפילע אָפּצורוען ניט קיין צײַט,
אַזוי בין איך פאַרטראָגן".
און ווידער האָט דער ווערוויק זיך גענומען יאָגן.
„איך זע שוין גוט", רופט אָן דער דראָסל זיך מיט שפּאָט:
„דו לויפסט און לויפסט, און בלײַבסט אין ראָד".

זיי דורכגייער און די הינט

צוויי יונגעלײַט האָבן פֿאַרנאַכט אַמאָל שפּאַצירט
און אַ געשפּרעך אַ נייטיקן געפֿירט.
אינמיטנדרינען טאַנצט אַרויסעט פֿון אַ טויער
אַ הינטעלע אַ קליינס און טוט אַ בילן אָן זיי;
דערנאָכדעם נאָך אַ הונט און נאָך אַ הונט און צוויי;
און ס'האָט קיין רעגע ניט געדויערט —
די גאַס איז פֿול און פֿול מיט הינט.
נעמט איינער און ער טוט אַ כאַפּ אַ שטיין געשווינד.
„מע דאַרף ניט, ברודער", האָט דער צווייטער אים געווייצעט:
„איך קען די הינט שוין גראָדע בעסער. מיט אַ שטיין
וועסטו די כשאַטע בלויז נאָך מער צערייצן.
ס'איז בעסער זיך ניט אומקוקן און ווײַטער גיין".
און ווי דער עמעס איז: זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען
ניט מער, ווי פֿערציק־פֿופֿציק שפּאַן,
האָבן די הינט גענומען ווערן שטילער,
און כאָפּקאָלסאָפּ אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו בילן.

עס טרעפֿט אַזוינס אויף יעדן טריט און שריט:
באַלד עפּעס, הייבן אָן צו האווקען ניט־פֿאַרגינערס.
נאָר אויב מע האָט זיי ווינציק וואָס איז זינען,
איז בילן זיי און בילן, ביז זיי ווערן מיד.

די בלעטער אונ די וואָרצלענ

א שיינעם זומערדיקנ טאָג
האָבנ די בלעטער, װארמנדיק אינ טאָל א שאָטנ,
צו די זעפירנ שטילערהייט געזאָגט:
„װי גרינ געדיכט מיר זײַנענ אונ געראָטנ!
נו, זאָגט אליינ:
דער טאָל האָט נאָכ אזא מינ שײַנדליבג, אזא צירונג?
װאָלט רענ דער בוים אָנ אונדז געהאַט דעם מינדסטנ ביינ?
ער מעג מיט זײַנע שיינע קוטשערנ שטאָלצירנ!
דעם פאסטעכ װער באשיצט
אינ קילנ שאָטנ װענ עס מאטערט אימ די היצ?
צו אונדז קומט אויכ צו פליענ, װידער,
דער סאָלאָוויי מיט זײַנע װונדערלעכע לידער.
אונ װו
געפינט דער װאנדערער א שטילע רו
נאָכ לאנגנ װעג א מידער?
בא אונדז. זײַנט איר אליינ, זעפירנ, װיפל מאָל
קומט איר צו גיינ אהער אינ טאָל
אונ קענט מיט אונדז זיכ נימ צעשיידנ?"
„א שטיקל כײַלעק האָבנ מיר דאָכ אויכ אינ דעם",
האָט זיי א שטים פונ אונטער דר'ערד געזאָגט באשיידנ.

„ווער רעדט עס דאָרט אזוי־אָ פרעך און אומפארשעמט?"
האָבן די בלעטער זיך בערוישט מיט צאָרן:
„מיר האָבן ניט געזען אײַך פון געבאָרן!"
„ס'איז מיר", האָט מען געענטפערט זיי פונונטן:
„די וואָרצלען פונעם שיינעם בוים,
וואָס נישטערן דאָ אין די טיפע גרונטן
און האָבן אויסגעהאָדעוועט די גאַנצע קרוין.
געדענקט, אז יעדן פרילינג קומען בלעטער נײַע,
און ווען עס ווערט
דער וואָרצל אויסגעטריקנט אין דער ערד,
וועלט דאן דער בוים דער גאַנצער ניט געסטײַעט,
און איר וועלט אויך שוין ניט געווען מער".

ז ע פ י ר — אן אנגענומענע קליין וו־נטעלע.

דער לייב אפן געיעג

דער וואָלף, דער פוקס, דער לייב און אויך דער הונט
האָבן איינפירן צווישן זיך געשלאָסן בונד:
בעשוטפעס כייעס כאפן,
און וואָס ס'וועט עמעצער פון זיי דערכאפן,
זאָל זיין אפגלייך. דעם ערשטן האָט דעם פוקס געגליקט:
ער האָט געפאקט א הירש. דער פוקס האָט באלד צעשיקט
שטאפעטן
די שוטפים זיינע צו פארבעטן.
מע קומט.
דער הירש איינמיטן. אלע זעצן זיך ארום.
דער לייב באטראכט דעם הירש: ס'איז ניט קיין שפעטנער ביסן—
געכאפט און באלד אפ פיר כאלאָקים אים צעריסן,
און זאָגט: „אָט דאָס־אָ פערטעלע איז מיינס, איר זעט?
ווייל אָט אזוי האָט מען גערעדט.
אָט דער־אָ טייל איז מיינער,
ווייל איך בין לייב. עס קאָן ניט זיין דאָ קיין שום טיינעס.
אָט דאָס־אָ פערטעלע איז מיר,
ווייל איך בין דער געזונטסטער דאָ פון אלע פיר.
און ווער עס וועט אָט דאָס א ריר טאָן זיך דערוועגן,
וועט שוין קיין גאנצער ניט ארויס פון מיינע נעגל".

שטאפעטן — לויפערס.

דער העכט

די פיש האָבן פארן געריכט דעם העכט פארמאסערט,
אז ער דערקוטשעט זייער שטארק —
באוויזן האָט מען צוגעשטעלט א בארג.
מע האָט דעם העכט ארויסגעבעטן פונעם וואסער,
אין א פאָלומיסעק געבראכט אים צום געריכט.
עס האָבן אינדערגיך
די קלוגע ריכטער זיך פארזאמלט —
זיי האָבן גראדע זיך ניט ווײַט געפאשעט דאמלט.
און ווער דאָס איז געווען, איז א קליינער סאָד —
די נעמען זײַנען אין ארכיוו פאראנען גראָד:
צוויי אייזלען, אלטע קליאטשעס צוויי, צוויי לעמער,
און, דאכט זיך מיר, אז צאפעס אויך א פּאָר.
און אז די זאך זאָל צוגיין מיטן גאנצן עמעס,
און יעדער פיצעלע זאָל ווערן קלאָר,
האָט מען זיי צוגעשטעלט דעם פוקס פאר פּראָקוראָר.
געטראָגן האָבן זיך בעפיירעש קלאנגען,
אז שוין ניט איין מאָל האָט דער העכט דעם פוקס צום טיש
געשיקט א קאָשעקל מיט פיש.
די ריכטער אָבער איז עס ווינציק אָנגעגאנגען.
די שולד איז דאָ אזוי באשײַמפּעלעך געווען,

אַז שװײַגן האָט מען איצטיקס מאָל שױן ניט געקענט,
און ס'איז אַרױסגעגאַנגען אַן אוקאַז אַ שטרענגער:
געפינען זאָל מען אינעם װאַלד אַ סוק,
און אָפּן סוק דעם אָנגעקלאָגטן הענגען.
„געשעצטע ריכטער!" רופט זיך אָן דער פוקס:
„ס'איז קאַרג אים הענגען! איך װאָלט, מײַנע הערן,
אַזאַ מין טױט אים צוגעטראַכט אַ שװערן,
אַז יעדן שװינדלער זאָל אױש װיסט און פינצטער װערן:
דערטרינקען!" „מאַסקים!" שרײַען אַלע אױס: „גערעכט!"
דעם העכט
האָט טאַקע, נעבעך, גאָרניט ניט געהאָלפן:
מע האָט אים באַלד אין טײַך אַרײַנגעװאָרפן.

דער נײַגעריקער

„א גוטער מאָרגן דיר, מײַן פרײַנט! פֿונוואַנען פֿליסטו?"
„איך גיי פֿון קונסטקאַמער. איך האָב אומיסטן
געוויס דאָרט א שעה דרײַ פֿאַרבראַכט
און יעדער פּיצעלע באַוואונדער
באַקוקט, און אַלץ באַטראַכט.
איך זאָג דיר, ברודער־לעבן, וואונדער איבער וואונדער!
וואָס די נאַטור דערטוט! וואָס זי דערשאַפֿט!
אז איך פֿאַרמאָג גאָר נישט די ווערטער און די קראַפֿט,
איך זאָל דיר אויסדערציילן אַלץ, ווי מע באַדאַרף.
אַמינע כײַעס דאָרט! אַמינע פֿייגל דאָרטן!
ס'האָט גאָר קיין שיעור ניט וויפֿל סאָרטן!
אי פֿליגעלעך, אי גרילעכלעך, אי מוקלעך,
בעהיימעלעך און באַבעלעך און זשוקלעך;
אַזוינע פּיצינקעלעך, ברעקעלעך — דו ווייסט?
נו, מאַמעש, ווי א שפּילקע־קעפּעלע די גרייס!"
„נו, און דעם עלפֿאַנט האָסטו דאָך געזען געוויס?
וואָס זאָגסטו עפּעס אפֿ אָט דעם־אָ ריז?"
„ער איז דען דאָרטן?" „דאָרט, ווי דען?"
„א שאָד, א שאָד: דעם עלפֿאַנט האָב איך גראָד פֿאַרזען".

קונסטקאַמער — א מוזיי פֿון זעלטנהייטן. דאָ באַשטייט עס א זאָאָלאָ־גישן מוזיי.

דער האָן און דער פערל

א האָן האָט זיך אין מיסט אמאָל געגראָבן
און דאָרט א פערעלע געפאקט.
„מע דארף עס", זאָגט ער: „נייטיק האָבן!
קאבאק!
איך וואָלט אוועקגעגעבן פאר א האָבער
אזוינע שמאָכטעלעך א פולן זאק —
כאָטש גלאנצן גלאנצט ער ניט אזוי, ער איז דאָך אָבער
געשמאק!"

דער פֿלײַסיקער בער

דערהערט, אַז לײַטן האָרעװען אום דוחעס
און װערן אָנגעפּעשיט מיט געלד,
האָט אױך דער בער א שטעלמאַך זײַן געװאָלט.
געכאַפּט א קאָפּ, װי יענע טוען,
און צו דער אַרבעט זיך א נעם געטאָן געשמאַק:
עס טרײסלט זיך דער גאַנצער װאַלד אױף קנאַקס,
שױן אױסגעהאַקט האָט בערטשיק, װי ס'איז נאָר געװען,
א דעמב, א ניסנבױם, אַן אָלכע, א באַרעזע —
עס גײט נים. לױפֿט ער צו א װאָלף, צו א שאָכן,
און פֿרעגט: „איך װאָס איז דאָ די זאַך אַזױ געװענדעט?
איך האָב א װעלט מיט בײמער שױן צעבראָכן,
נאָר אױסמײַלנג א דראָט האָב איך נישט געקענט".
„אױף פֿרעגן װאָלד", זאָגט יענער: „מיסטו גוט געשװיגן;
צום בײַגן דראָטס אָבער, פֿרײַנט מײַן ליבער,
איז נאָר נישט גענוג אַזױ שטאַרק צו זײַן א ריזער,
װי נײטיק ס'איז געדולד".

דער מידבר־מענטש און דער בער

א טויווע איז א נויט איז אונדז, געווייינטלעך, טײַער,
נאָר פון א נאר באַהיט אונדז, גאָט געטרײַער!
דער ערגסטער פײַנט איז ניט אזא געפאר,
ווי א באַלטויווענייק א נאר!

דערווײַטערט פון א שטאָט און מענטשן, פון א טראַקט,
האָט זיך געלעבט ג[illegible] אַן אַלטער איינזאַם, עלנט.
א מידבר־לעבן קאָן אין ביכער בלויז געפעלן:
די איינזאַמקײַט איז גראַדע ניט אַזוי געשמאַק;
עס גלוסט זיך טײלן אי מיט ליידן, אי מיט פריידן.
מע וועט מיר זאָגן: „סטײַטש, די גרעזעלעך, די בערג,
א ריטשקעלע, א פייגעלע — ס'איז גאָרניט ווערט?"
„נו, יאָ, ס'וואָלט שיין, ניטאָ גאָר וואָס צו ריידן!
נאָר נימעס ווערן קאָן דאָך אָבער פאָרט,
אַז ס'איז נישטאָ, מיט וועמען אויסריידן א וואָרט".
אַזוי האָט אויך דעם אַלטן מידבר־מענטשן
דערעסן טאָג ווי נאַכט צו זײַן אַליין.
אַוועק איז ער אין וואַלד א פרוּוו טאָן שליסן קענטשאַפט
מיט שכנים אינעם וואַלד. ער קומט צו גיין —
איז וועמען קאָן מען דאָרטן זען און הערן,
כוץ וועלף מיט בערן?

אונ ווירקלעכ: זיכ באַגעגנט האָט ער מיט א בער.
דער מאַנ טוט אויס דעמ קאַפּעליוש, פאַרנייגט זיכ איידל,
דער בער שטרעקט אויס די לאַפּע אימ. אהינ, אהער —
באַקענט זיכ, ווי דער שטייגער איז, מע הייבט אָנ ריידנ,
דערנאָכדעמ גייט א כאַווערשאַפט באַ זיי אוועק,
דערנאָכדעמ זיצט מענ שוינ אינאיינעמ גאַנצע טעג —
מע קענ זיכ ניט צעשיידנ.
וויאַזוי זיי האָבנ דאָרטנ זיכ געוועלט —
צי רעטעניש זיכ געפרעגט, צי זיכ געווערטלט,
צי מײַסעלעכ זיכ שטילערהייט דערציילט,
צי עפּשער גלאַט געזעסנ שטיל אונ זיכ געצערטלט, —
איכ ווייס דאָס טאַקע ניט ביז הײַנט.
נאָר ווי די מײַסע זאָל ניט זײַנ,
דער אלטער שפּיגלט זיכ אינ בער אונ פרייט זיכ,
וואָס גאָט האָט אימ באַשערט אזא מינ אוצער.
דערווײַל פאַרגלוסט זיכ איינמאָל ביידע גוטע פרײַנט
א וואַנדער טאָנ א ביסל איבער פעלדער
אונ איבער לאָנקעס, איבער בערג אונ איבער וועלדער.
געווענ איז דאַנ
א הייסער זומער־טאָג, א ספּעקע,
אונ ווי זיי זײַנענ אָפּגעגאַנ
א היפּשע שטרעקע,
איז אונדזער אלטיטשקנ צו גײַנ געוואָרנ שווער,
ער הייבט אָנ צושטײַנ (קלאָר: א מענטש איז ניט קײַנ בער).
דער אלטער האָט זיכ דאַמקע ניט געקלאָגט, נאָר בערסטיק
האָט דאָס אלײנ א ביסעלע באַמערקט שוינ
אונ זאָגט: „מײַנ ליבער פרײַנט, איכ זע, דו ביסט פאַרשמאַכט;
נעמ שפּאַר זיכ צו אונ רו זיכ אָפּ א קאַפּל,

אונ מאַמע, ווילסטו, מעגסטו אויכ א דרעמל כאַפּנ,
אונ איכ וועל זעענ דיר דעמ וויגנ אמ דער וואַנט״.
דער אַלטער האָט קיינ טענעס ניט געמאַכט,
זיכ אויסגעצויגנ גלײַכ אונטער א פּעלצ,
געטאָנ א גענעצ
אונ שלאָפט שוינ גאַנצ געשמאַק.
מײַנ בערעשיק טרעט פונ אימ ניט אָפּעט.
אונ ווי דער אַלטער ליגט אזוי אונ כראָפּעט,
האָט זיכ א פליג געשטעלט אימ אפ דער באַק.
דער בער וויל אינדערגיכ דעמ כאווער אָפּגעפּאַכעט.
ער טוט א קוק: זי שטייט שוינ אפ דער נאָז.
א טרײַב זי ווײַטער, אונ ווי אַפּצולאַכעס
(עס פּלאַצט איינ בער די גאַל אויש פונ פּאַרדראָס)
האָט זי געטאָנ זיכ ווידער
דעמ כאווער אפ דער באַק א שטעל אַנידער.
„אזוי גאָר!״ טראַכט דער בער: „דו גייסט אפ קידער־ווידער?
איכ וועל שוינ איצטער, וואָס מע טוט!״
ער גיט א כאַפּ א שטיינ א שווערנ,
אונ אויסגעשטאַטשעוועט אזא מינוט,
ווענ ס'האָט די פליג געשטעלט זיכ אפנ שטערנ,
אונ מיטנ שטיינ דעמ כאווער איגעמ: שטערנ — האָק!
דער שאַרבנ האָט אַפּצווייענ זיכ צעקנאַקט,
אונ ס'האָט די הייסע פרײַנטשאַפט זיכ דערמיט געענדיקט,
וואָס בערעשיקס פרײַנט ז'געבליבנ ליגנ דאָרט אפ שטענדיק.

די קוקאווקע און דער אָדלער

דער אָדלער

האָט דאָס קוקאווקעלע אמאָל באַלוינט:
ער האָט עס פאר א סאָלאָוויי געקרוינט.
אוועקגעזעצט זיך אפ א יאָדלע,
האָט די קוקאווקע, אינעם נײַעם ראנג,
גענומען פון זיך בלאָזן
און זיך געלאָזן
די וועלט באוווּנדערן מיט איר געזאנג.
זי טוט א קוק: ס'צעפליִען זיך די פייגל אלע,
מע לאכט פון איר, מע שעלט זי און מע שפעט.
איז די קוקאווקע שטארק בא זיך ארָאפגעפאלן
און איז אוועק,
באליידיקט און דערשלאָגן,
צום אָדלער אפ די פייגל זיך פארקלאָגן.
„לויט דײַן באפעל", זאָגט זי: „מײַן גרויסער האר,
האָב איך דעם נאָמען פון א סאָלאָוויי געקראָגן,
די פייגל אָבער מאכן ריכ [illegible]ום נאר
און זיי דערוועגן זיך צו ש[illegible]ן מײַן זינגען".
„מײַן פרײַנט", האָט איר דער [illegible] אײַנגערוימט א סאָד:
„א קייסער בין איך טאקע, אָבער ניט קיין גאָט;

דיכ. רופנ סאָלאָוויי האָב איכ דעם וואלד נאָכ צווינגענ
געקענט,

וואָס קענ איכ אָבער טאָנ, מע זאָל פונ דיר ניט לאכנ ?
א סאָלאָוויי פונ א קוקאווקע מאכנ
איז נישט אינ מײַנע הענט".

יאָדלע — טענע.

די פֿויערים און דער טײַך

די טײַכלעך און די ריטשקעס זײַנען אַזוי לאַנג
די פֿויערים די יאָר דערגאַנג,
ביז איינמאָל האָט דאָס גאַנצע דאָרף באַשלאָסן
אַוועק נאָך יוישער צו דעם גרויסן טײַך, וווהין
די טײַכלעך מיט די ריטשקעלעך זײַנען געפֿלאָסן,
און בעטן שוץ בײַ אים.
ס'איז גראָד געווען אַף וואָס זיך אָנצוקלאָגן!
ווי נאָר דער פֿרילינג קומט,
אַזוי צעגיסן זיי זיך אַלע אומעטום,
זיי הייבן אָן צו טאַסקען און צו טראָגן
און מאַכן אָן כוירבנעס פֿיל:
בײַ דעם אַראָפּגעשווענקט די מיל,
בײַ דעם אַ וואָגן,
אַ שטאַל, אַ פּלויט,
בײַ דעם צעריסן ס'גאַנצע ווינטער־ברויט,
געמאַכט צונישט אַזויפֿיל שווערע מי,
הײַנט וויפֿל האָבן זיי דערטרונקען פֿי!
און יענער טײַך פֿליסט רויִק זיך אַזוי, געלאַסן
אין זײַן גרויסאַרטיק שיינעם בעט,
עס שטייען אַף די ברעגן זײַנע שטעט

מיט הויכע מויערן, מיט רײַכע גאסן;
ער האָט אײַנ זיך נישט אָט אזוינע ווילדע געננ
ער וועט די טײַכעלעך געוויס באשטראָפן שטרענג
און מיטן הארבן וואָרט פארזאָגן,
זיי זאָלן מערער שוין דאָס דאָרף ניט פּלאָגן.
אזוי האָבן די דאָרפסלײַט צווישן זיך גערעדט.
נאָר ווי דער אוילעם איז צום טײַך געקומען,
געבליבן איז ער שטיין פארומערט
און געפּלעפט:
ס׳איז אפן טײַך דעם גרויסן אומגעשוואומען
א האלב פון זייער האָב־און־גוטס. און רייד
האָבן זיי מיט די אויגן בלויז באגלייט
ס׳פּארמעגן זייערס אפן טײַך דעם ברייטן,
א קוק געטאָן זיי האָבן איינער אפן צווייטן,
א שאָקל מיט די קעפּ
און זיך צוריק אהיים אוועקגעשלעפּט.
דערבײַ ס׳מיט ביטערניש זיך אָנגערופן איינער:
„אומזיסט געפּאטערט נאָר אזויפיל צײַט!
ניט זוך קיין יוישער בא די גרויסע לײַט,
וויבאלד זיי נעמען כיילעק בא די קליינע״.

די מאַלפּע

מעגסט, ווי אַן אייזל, האָרעווען, נאָר זאָלסט ניט מיינען,
אַז ס'וועט די וועלט פאַר דעם
דיר דאַנקען אָדער מאַכן דיר אַ גוטן שעם,
אויב פון דײַן אַרבעט האָט קיין נוץ ניט קיינער.

עס האָט אַ פּויער מיט דער סאָכע אינדערפרי
געהאָרעוועט איבער זײַן שטיקל פעלד און זיך געפלײַסט;
און פון דער שווערער מי
האָט אים אַ שוויס באַגאָסן ריקעסווײַז.
דערפאַר האָט יעדערער, וואָס איז פאַרבײַ געגאַנגען,
געלויבט אים און געווונטשן גוטע, פעטע זאַנגען,
געזאָגט: „אַ דאַנק, דו בראַווער מאַן!" און אים געריימט.
די מאַלפּע האָט עס צוגעהערט מיט קינע.
און אַ באַשעפטיקונג האָט זי באַשטימט
געפינען,
קעדיי אַ לויב זיך אויכעט צו פאַרדינען.
דערטאַפּט אַ קלאָץ און הייבט אָן פּאָרען זיך מיט אים.
זי גיט אַ כאַפּ אים אָפּ די פּלייצעס האַסטיק,
און טוט אים באַרג־אַרויף אַ טאַסקע,
דערנאָך אַ שלײַדער אָפּ דער ערד,

א שלעפּ דעם קלאָץ אהינ, א שטופּ אהער,
א הייבּ, א לאָז אראָפּ, אונ ווידער אופגעהויבּנ.
זי פּאָכעט שוינ מיט דער נעשאָמע, סאפּעט שווער,
אונ עפּעס הערט זי פּאָרט ניט, אז מע זאָל זי לויבּנ.
קיינ כידעש ניט, מײַנ טײַערע, ס׳איז קלאָר:
דו האָרעוועסט אוואדע זייער ביטער, נאָר
קיינ נוץ האָט קיינער פונדערפונ נישט אפּ קיינ האָר.

דער דעמב אונ דער טשערעט

„איכ ווייס נאָר ניט; וואָס די נאטור האָט זיכ געטראכט,
בעשאס זי האָט דיכ אפ זיער וועלט געבראכט!"
האָט איינמאָל אינ א זומערדיקנ טאָג
דער גראָבער דעמב צו דעם טשערעט געטאָנ א זאָג:
„א שפערל איז דאָכ אויכ פאר דיר א שווערע מאסע.
קוימ טוט א ווינטעלע א זויג דאָס וואסער,
איז ווערסטו אָפגעשוואכט
אונ הייבסט אָנ נעבעכדיק זיכ בייגנ אונ זיכ בוקנ,
אז מאמעש ס'רײַסט דאָס הארצ אפ דיר צו קוקנ.
אונ איכ בינ פעסט אונ שטארק,
איכ שטיי מיר שטאָלצ דאָ, ווי א פעסטונג־טורעמ,
פאר קיינעמ בייג איכ ניט מײַנ קארק.
בא דיר ז'דאָס מינדסטע ווינטעלע א שטורעמ,
אונ מיר
זעט אויס דער גרעסטער ווינט, ווי א זעפיר.
אוואדע וואָלט געוועזנ גלײַכער
פאר דיר,
ווענ דו וואָלסט וואקסנ נישט אָט דאָרט אינ טײַכל,
נאָר ערגעצ לעבנ מיר, אָט דאָ.
איכ וואָלט באשיצט דיכ אינ אנ ענגער שאָ
פונ שלעכטנ וועטער
אינ מײַנ געדיכטנ שאָטנ פונ די בלעטער".

„א דאנק", רופט אָן צום דעמב זיך דער טשערעט:
„פאר דיינע גוטע רייד די ליבע.
נאָר כ'שרעק זיך פאר די וויכערס ווייניק איבער.
אומזיסט האָסטו דאָ מיט אוויפיל הארץ גערעדט.
ס'איז עמעס: בייגן בייג איך זיך, געטרייער שאָכן,
איך ווער דאָך אָבער ניט צעבראָכן.
כאָטש דו ביסט ביז אהער געשטאַנען, ווי א ריז,
נאָר ווארט: מיר וויסן נאָך נישט, ווען מאָרגן ס'איז".
און דער טשערעט האָט ווי געטראָפן:
אין דער מינוט האָט רווישנדיקער אקווילאָן
מיט האָגל און מיט רעגן זיך א טראָג געטאָן
פון צאָפן.
דער דעמב שטייט פעסט, ס'טשערעטעלע פאַלט צו דר'ערד.
דער ווינט האָט זיך צעבושעוועט אַלץ מער און מער,
געטאָן א ווילדן ברום און גלייך דעם בוים דעם שטאָלצן
ארויסגעריסן מיטן וואָרצל.

אקווילאָן — אזוי האָט געהייסן דער צאָפן־מיזרעכדיקער ווינט בא די אלטרוימער.

אינהאלט

	ז. ז.
די קראָ אונ דער פוקס	5
די גענדז	9
דער שפיגל אונ די מאלפע	11
דער וואָלפ אונ דער בושל	12
דער פויער אונ די שאָפ	15
דער קוואַרטעט	17
דער וואָלפ אונ דאָס שעפעלע	19
די קוקאווקע אונ דער האָנ	23
די מאלפע אונ די ברילנ	24
צוויי הינט	25
דער שוואנ, דער העכט אונ דער קרעבס	27
דער פוקס	28
דער איזל אונ דער סאָלאָוויי	30
די פראָש אונ דער אָקס	32
דאָס קעסטעלע	35
דער וואָלפ אונ דער קאָטער	37
טרישקעס קאפטאנ	41
צוויי יינגלעכ	42
דעמיאנס פיש־זופ	44
דער כאזער אונטערנ דעמב	46
דער וואָלפ אינעם הונט־הויפ	47
צוויי פעסלעכ	51
דער מאגנאט	52
דער האָז אפנ געיעג	54
דער קאָטער אונ דער קעכער	55
דער טשיזש אונ די טויב	57
דער וואָלפ אונ דער פאסטעכ	58

דער בער בא די בינען 59
דער ליגנער 61
דער פוקס און די ווײַנטרויבן 64
דער העכט און דער קאָטער 67
דער פויער און דער ארבעטאָרער 69
דער אָראקול 71
די מויז און דער שטשור 5
דער לײב 76
דער וועוועריק 78
די דורכגייער און די הינט 79
די בלעטער און די וואָרצלען 80
דער לײב אָפן געיעג 82
דער העכט 85
דער נײַגעריקער 87
דער האָן און דער פערל 88
דער פלײַסיקער בער 91
דער מידבער־מענטש און דער בער 92
די קוקאווקע און דער אָדלער 95
די פויערים און דער טײַך 97
די מאלפע 99
דער דעמב און דער טשערעט. 101
די בין און די פליגן 105

ON MARK
YORK

Ціна 1 карб. 60 коп.

папка 10 коп.

Єврейською мовою

І. А. КРИЛОВ

Вибрані байки

На еврейском языке

И. А. КРЫЛОВ

Избранные басни

Українське Державне Видавництво
Нацменшостей при Президії ЦВК УСРР
„УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ“